STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11806

DER VEG TSURIK

Aharon Peretz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אהרון פרץ

דער וועג צוריק

אהרון פרץ

דער וועג צוריק

פארלאג י.ל. פרץ ישראל

תשל״א — 1971

Dr. AHARON PERETZ
THE WAY BACK

ד"ר אהרון פרץ / דער וועג צוריק

J. L. Peretz Publishing House
31, Allenby Str., Tel Aviv, Israel

פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אָביב, רח' אלנבי 31

שער־בלאַט און צייכענונגען — יאָסל בערגנער

©

נדפס בישראל 1971
Printed in Israel 1971

דפוס „אורלי", תל־אביב טל. 3 20 62

פאַר מיינע אייניקלעך

אלונה

און

טליה

פאָרוואָרט

מער ווי צוואנציק יאָר זענען פאַרלאָפן זייט איך האָב פאַרשריבן מיינע זכרונות פון געטאָ און פון די לאַגערן. אין מיין בוך „דעם גורל אַנטקעגן", וואָס איז דערשינען אין דרום־אַפריקע, האָב איך דער־פירט מיינע זכרונות ביז צו דער באַפרייונג. די דראַ־מאַטישע מינוטן פון דער באַפרייונג, די האָפענונגען און אַנטוישונגען נאָך דעם, דאָס יאָגן זיך צו געפינען פרוי און קינד און דאָס גליק פון טרעפן זיך, דאָס אַלץ האָט אין מיר געצאַפּלט אַלע יאָרן און מיך געהאַלטן אין שטענדיקן אומרו. ביז איצט בין איך נישט געווען בכוח דאָס אַרויפצוברענגען אויפן פּאַפיר.

דריי זענען מיר געווען אין דער משפחה: מיין פרוי, מיין קינד און איך. אַלע דריי זענען באַפרייט געוואָרן דורך די „דריי גרויסע": מיין קינד — דורך דער רויטער אַרמיי אין ליטע, מיין פרוי דורך דער ענגלישער אַרמיי אין עקערענפערדע ביי קיל, און איך דורך דער אַמעריקאַנער אַרמיי אין דאַכאַו. יעדער פון אונדז האָט זיך געוואַלגערט אויף באַזונדערע וועגן און איינער האָט ניט געוווּסט פון צווייטן. איך בין דערלאָפן דער ערשטער צום ציל. מיין ניין־יאָריק

קינד איז אָנגעקומען מיט אַ גרופּע יתומים צוויי חדשים שפּעטער און געננוי אַ יאָר נאָך דער באַפרייונג האָבן מיר ביידע געטראָפן די מוטער אין חיפהער פּאָרט.

איך האָב אָנגעשריבן די בלעטער פאַר מיינע אייניקלעך, זאָלן זיי וויסן וואָס יידישע עלטערן האָבן דורכגעמאַכט ביז זיי האָבן זוכה געווען צו לעבן פריי אין זייער היים.

מיט אַ מאָל האָבן מיר דערשמעקט אין דער לופט און ערדציטערניש. די סאָלדאַטן, וועלכע האָבן אונדז געהיט און זענען אַלע מאָל געווען בייז, שטראָם אַנגעצויגן ווי סטרונעס, האָבן אויסגעזען צעשטרייט און אַפּאַטיש. עפּעס האָבן די יידן אויפגעהערט זיי צו אינטערעסירן. אַנשטאָט בייזע רוצחישע אויגן האָבן מיר זיך באַגעגנט מיט ווייכע און צעשטרייטע בליקן. די שמירה איז געוואָרן לויזער און אַז זיי פלעגן ערגעץ ווו פאַרשווינדן און אונדז לאָזן אַליין האָבן מיר זיך געפילט פאַרלוירן. יאָרן זענען מיר געווען צוגעבונדן צו זיי ווי מיט אַ נאָפּלשנור, און אָן באַוואָפנטע שומרים זענען מיר געווען ווי קליינע הילפלאָזע קינדער.

די וואַלד-לאַגערן האָבן זיך גענומען צוזאַמענ־ווויקלען. טאָג־איין טאָג־אויס האָבן זיך מענטשן-שפּלי־טערס איינגעוויקלט אין דעקעס, זיך צוזאַמענגעקאָר־טשעט און פאַרשוווּנדן אין אומבאַקאַנטע ווייטקייטן. די, וועלכע האָבן נאָך געקענט שטיין אויף די פיס, האָט מען אויסגעשטעלט אין רייען און באַפוילן מאַרשירן. וווּהין מאַרשירן — האָט קיינער ניט געוווּסט. איך האָב זיך צונויפגעמישט מיט אַ גרופּע פון אויסטערלישע מענטשן-שאָטנס, וועלכע זענען געווען איינגעוויקלט אין גרויסע דעקעס, געשלעפּט זיך מיט די לעצטע

כוחות, געהינקט, געקראַכן אויף אַלע פיר, געפאַלן, זיך ווידער אויפגעהויבן און ווידער געפאַלן. דער וועג פון ביידע זייטן איז געווען אויסגעזייעט מיט רעשטן פון מענטשלעכע לעבנס. מען האָט נישט געהערט קיין הילפסרופן און נישט געהערט קיין קרעכצן. דער, וואָס איז געפאַלן, האָט געוווּסט, אַז דאָס מאָל פאַלט ער צום לעצטן מאָל, און גענוג זיך געראַנגלט. איך האָב אַרוים־געקוקט דורך אַ שפּעלטל וואָס איך האָב געעפנט אין מיין דעקע און געזען אַ פּאָר שריט פאָרויס, אין אַ שטויב, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן און צוגעדעקט דעם מאַרש ווי מיט אַ נעפּל. די מאַסע האָט זיך באַוועגט אָן יעדן ריטם און האָט זיך אויסגעצויגן אין אַ צעשאָ־טענער אומאָרדנונג. אונדזערע פאָסטנס אָבער זענען געגאַנגען גלייכגילטיק, זיי זענען געווען זיכער, אַז קיינער וועט ניט לויפן און ס׳איז ניטאָ שוין וועמען צו היטן. איך האָב געשלעפּט די פיס, פאַרלוירן דעם וועג און אים ווידער געפונען, לויט די צאַפּלדיקע און גוססדיקע מילוועטן, וועלכע האָבן זיך אויסגעלייגט פון ביידע זייטן וועג. עס האָט זיך וואָס אָפּגעריסן אין מיר, איך האָב אַרויפגעטראָטן אויף אַ ווייכן קעגנשטאַנד און דערהערט אַ טעמפּן ברום. איך האָב זיך אַראָפּגעבויגן צו אים און געוואָלט אים העלפן זיך אַוועקשטעלן אויף די פיס. ער האָט אויפגעעפנט ברייט זיינע אויגן, מיך דערקענט און מיט די לעצטע כוחות מיך באַרוּיִקט: גייט ווייטער, דאָקטאָר, גייט, איך וועל שוין בלייבן דאָ.

מיר האָבן זיך דערשלעפּט צו אַ לאַנגן צוג פֿון פראַכטוואַגאָנעס און אָן יעדן באַפעל האָבן מיר געוווּסט, אַז די וואַגאָנעס וואַרטן אויף אונדז און דאָ דאַרף מען אַריינקריכן, געפינען אַ שטיקל פּלאַץ און זיך פאַרזינקען אין אַ גלייכגילטיקער רו. די וואַגאָנעס זענען געווען אָפענע פּלאַטפאָרמעס. אויפן באָדן האָט זיך אויסגעלייגט און באַוועגט אַ צוזאַמענגעגאָסענע גרויע מאַסע, וואָס האָט אויסגעפילט דעם וואַגאָן. טויטע פאַרנעמען אַ סך פּלאַץ, לעבעדיקע פּרעסן זיך אַריין אין יעדער ענגשאַפט.

עס איז געווען אַ קילער אָוונט און אין די וואַגאָנעס האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ וואָלקן פון גרויע דעקעס, וועלכע האָבן צוגעדעקט די דאַרע אויסגעמאַטערטע קערפּערס, קיינער האָט נישט גערעדט, נאָר פון צייט צו צייט האָט אַ קרעכץ צעריסן די טויטע שטילקייט. דאָ, אין די וואַגאָנעס, זענען שוין אַלע האָפענונגען פאַרשוווּנדן. דאָ אונטער די דעקעס איז קיין כוח נישט געווען צו ריידן, צו טראַכטן און זיך צו באַוועגן. יעדער האָט פאַרדעקט דעם קאָפּ און פּנים און דורך דעם נאָך מער פאַרקראָכן אין אַ שטומער גלייכגילטיקייט. ניטאָ וואָס צו קעמפן מער און צו ראַנגלען זיך.

דער צוג האָט זיך אַ ריר געטאָן, און די פאַרגליווערטע רויִקייט האָט דורכגעשניטן אַ סקריפּען פון די רעדער און אַ קלאַפּן פון די בופערס. יעדער פון אונדז האָט זיך איינגעקאָרטשעט אין זיך און זיך איבערגעגעבן דעם אומבאַוווּסטן גורל זיינעם. דער פּסי־

כישער און זעלישער צושטאַנד, אין וועלכן מיר זענען געווען אין יענע וואָגאָנעס, איז שוין געווען איבער די גרעניצן פון ליידן, פון יענער זייט פון קומער און ווייטיק. דאָס איז אַ צושטאַנד פון אַן אומבאַוווסטער אַפּאַטיע, וועלכע ברענגט דעם מענטש צו אַ דערהויבענער רו. אַזוי פילט זיך מסתמא אַ טיף־רעליגיעזער מענטש פאַר דעם ווי ער גיט אָפּ גאָט זיין גוף און נשמה.

דורך קליינע באַוועגונגען פון אַלע מיינע קערפּערטיילן האָב איך זיך איינגעפּרעסט צווישן מיינע שכנים און שוין ווידער זיך געפילט אין דער היים. מיט די יאָרן האָב איך אויסגעאַרבעט אַ טעכניק פון זיך אויסבויען היימען. צייטווייליקע, קליינע היימען, ווו מען פילט זיך וואַרעמער און זיכערער. דער לעבנסאינסטינקט מוז זיך אויסרוען אויף סטאַציעס, ווו ער קען אָפּכאַפּן דעם אָטעם. אַז איך בין געקומען צו זיך, האָב איך געעפנט אַ שפּעלטל אין מיין דעקע, און דורך דעם דערזען די שטערן אין הימל. די שטערן האָבן מיך אומגעקערט צו זיך און איך האָב נאָך שאַרפער דערפילט די פאַרגליווערטע שטומע גרויקייט און דערהערט די טויטע שטילקייט אונטער די דעקעס. איך האָב אַ ציטער געטאָן פון שרעק. מיר האָט זיך פּלוצים געדאַכט, אַז איך בין דער איינציקער לעבעדיקער צווישן אַ פולן וואַגאָן מיט מתים. דורך דעם שפּעלטל, וואָס איך האָב געעפנט אין מיין דעקע, האָט אַריינגעשטראָמט פרישע לופט מיט וואַלד־ריחות. אַז איך האָב אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אַריבערגעקוקט

איבער דעם נידעריקן וועגטל פון זאַמד־וואַגאָן, האָב איך דערזען דעם לאַנגן צוג, וואָס האָט זיך געשלענגלט דורך פרייע פעלדער, האָט דורכגעשניטן וועלדער און דערפער און געלאָפן ווי עמיצער וואָלט אים געיאָגט און געטריבן.

עס האָט אָנגעהויבן גראָען דער פרימאָרגן און די פאַרגליווערטע מענטשן־מאַסע האָט זיך אָנגעהויבן לאַנגזאַם צו באַוועגן. פון אונטער די דעקעס האָבן אַרויסגעקרעכצט פאַרשידענע קולות, וועלכע האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן אין איין לייכטן מאָנאָטאָנעם גערויש. אין דער נאַכט־פינצטערניש האָבן זיך אַלע דעקעס צוזאַמענגעגאָסן און האָבן אויסגעזען ווי איין איינגע־פאַלן געצעלט. אָבער ווען עס איז געוואָרן העלער האָב איך דערזען ווי די גרויסע צוזאַמענגעגאָסענע מאַסע האָט זיך פאַרטיילט אין קליינע בערגלעך, אַ סך בערגלעך האָבן זיך נאָך לייכט באַוועגט מיטן ריטם פון מענטש־לעכן אָטעם. אַ סך פון די בערגלעך זענען געבליבן אומ־באַוועגלעך.

אַ שאַרפע סירענע האָט דורכגעריסן די לופט. מיט אַ מאָל האָבן מיר דערזען אונדזערע שומרים און דערהערט זייערע געוואַלדן. די באַן איז פלוצים שטיין געבליבן ביים ראַנד פון אַ וואַלד און פון די פּאָר צענדליק וואַגאָנעס האָבן זיך אַרויסגעשאָטן, ווי פון גרויסע קערב, מענטשלעכע סילועטן. ווער ס׳האָט נאָך געקענט גיין, קריכן אָדער הינקען, דעם האָבן די שומרים גע־שטופּט און געשליידערט גיכער אין וואַלד אַריין. אין

מינוטן האָבן מיר דערזען אַעראָפּלאַנען איבער אונדזערע קעפּ און אַ שיסעריי פון פּולעמיאָטן האָט זיך אויסגע־דרילט און אָפּגעהילכט אין ווייטן אַרום.

איך האָב זיך רויִק אויסגעצויגן אין טיפן וואַלדיקן גראָז און מיט אַ מאָל דערזען לעבן זיך אַ חבר, וועלכן איך האָב פאַרלוירן אין ווירוואַר, בעת מיר זענען אַריינגעקראָכן אין די וואַגאָנעס. ער איז געלעגן אויפן בויך, מיטן פּנים אַריינגעגראָבן אין דער ערד און די הענט אויפן קאָפּ. כאילו געוואָלט צודעקן און שיצן דעם קאָפּ. איך האָב געקוקט אויף אים און געטראַכט, אַז זיין זעלבסטשוץ־רעפלעקס איז נאָך נישט אויס־געלאָשן, אָבער זיין לעבנס־אינסטינקט פאַרשטייט נישט קיין לאָגיק. איך האָב זיך דווקא אויסגעצויגן מיטן פּנים אַרויף און טיף אַריינגעאָטעמט דעם ריח פון פרישן גראָז. מיט אַ צינישער גלייכגילטיקייט האָב איך זיך צוגעקוקט ווי אַרום מיר שפּרינגען די קוילן און דאָס הויכע גראָז אַרום מיר באַוועגט זיך אין קליינע און קורצע כוואַליעס. איך האָב זיך צוגעהערט צום גע־דריל פון דער שיסעריי, זיך צוגעקוקט צום ווילדן טאַנץ פון דעם גראָז אַרום מיר און צווישן איין קנאַל און צווייטן געוואָרפן אַ בליק אויפן חבר מיינעם, ווי ער שיצט זיין קאָפּ מיט די הענט. איך האָב אַריינגעשמיי־כלט אין זיך. ס׳איז וווּנדערלעך זיך צוצוקוקן ווי דער לעבנס־אינסטינקט קריכט אַרויס אין אַלערליי פּיקאַנטע פאָרמען. מיין חבר האָט אינסטינקטיוו געשיצט זיין לעבן דורך פאַרפלעכטן די הענט איבערן קאָפּ און

די אויגן זיינע האָט ער באַגראָבן אין דער קאַלטער ערד, כדי נישט צו זען דעם טויט.

די שיסעריי האָט אויפגעהערט מיט אַ מאָל. די עראָפּלאַנען זענען פאַרשוווּנדן און אַ שטילע שטילקייט ווי געוויינטלעך האָט זיך אויסגעשפּרייט איבערן וואַלד. לאַנגזאַם האָב איך זיך אויפגעהויבן, זיך אָפּגעטרייסלט ווי מען טרייסלט אָפּ פון זיך דעם שניי און באַטאַפּט אַלע מיינע גלידער. עפּעס האָט זיך מיר נישט געגלויבט אַז איך בין גאַנץ. לעבן מיר זענען דאָך די קוילן גע־שפּרונגען ווי אויסגעשאָטענע אַרבעס און כאילו אַ צויבער־שטעקל האָט אָנגעצייכנט אַ קרייז אַרום מיר און די קוילן זענען געבליבן שטעקן אַרום דעם צויבער־קרייז און מיך נישט באַרירט.

די, וואָס זענען אויפגעשטאַנען און זיך אויס־געטשוכעט פון דעם קורצן לופט־אָנגריף, זענען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען אין דריי ריכטונגען. אויסדערוויילטע, וועלכע זענען נאָך פעסט געשטאַנען אויף זייערע פיס און פאַרמאָגט אַביסל כוחות אין זייערע גלידער, זענען געלאָפן טיפער אין וואַלד אַריין. געלאָפן אָן יעדן ציל, אָבער מיט אַן אינסטינקט פון פאַריאָגטע חיות, וואָס ווילן זיך פאַרשטעקן אין געדיכטן וואַלד און זיך ראַטעווען פון דעם יעגער. זיי זענען געלאָפן אָן אָטעם, טיפער און טיפער אין וואַלד אַריין, ווי זיי וואָלטן געפילט, אָן יעדן קאָמפּאַס, אַז די גאולה געפינט זיך אין יענער ריכטונג; דעריבער דאַרף מען אַנטלויפן וואָס ווייטער פון די וועכטער. די גרעסטע טייל זענען

אַרוים פון וואַלד און געקראָכן צוריק צו די וואַגאָנעס. ביי זיי איז דער לעבנס-ווילן געווען שוין אויסגעלאָשן און ס'איז שוין קיין כוח נישט געווען צו לויפן. און מיט אַ טיפער גלייכגילטיקייט איז מען ווידער אַרויפ־געקראָכן אויף די וואַגאָנעס. די דריטע גרופּע איז געבליבן אין וואַלד: פיר הונדערט טויטע און אַ פּאָר הונדערט פאַרוווּנדעטע האָבן זיך געוואַלגערט אויפן גראָז, לעבן די רעלסן און צווישן די בוימער אין וואַלד. די זעלנער האָבן געשריען, געשאָלטן און געטריבן צוריק אין די וואַגאָנעס. זיי האָבן אונטערגעשטופּט מיט די ביקסן און געהיט מען זאָל נישט מיטנעמען די פאַרוווּנדעטע מיט זיך. גייענדיק צו די וואַגאָנעס, האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף אַ יוגנט-פריינד, וועל־כער איז געזעסן אויף אַ שטאַם פון אַן אָפּגעזעגטן בוים. מיט זיין רעכטער האַנט האָט ער געהאַלטן די לינקע, וועלכע איז געהאָנגען ווי אַ צעריסענער אַרבל. זיינע קליידער און דער שטאַם פון בוים זענען געווען באַשפּריצט מיט בלוט. איך האָב זיך געטראָפן מיט זיין בליק. דאָס פּנים איז געווען פאַרשטאַרט, בלאַס, נאָר אין די אויגן זיינע האָב איך דערזען זיין געבעט. איך האָב שנעל אַראָפּגעריסן אַ פּאַס פון זיין העמד, פאַרבונדן דעם אָרעם ער זאָל נישט בלוטן און דער זעלנער זאָל נישט באַמערקן ווי עס איז דערשלעפּט אים צום וואַגאָן. איך האָב דערפילט אַן אַלט, פאַרטייעט געפיל פון באַפרידיקונג; עס איז מיר געלונגען אַרוים־צוגנבענען אַ פאַרוווּנדעטן פון די הונדערטער אַרום

און אים אויפהאלטן ביים לעבן. ביקסן האָבן געיאָגט און אַריינגעיאָגט אין די וואַגאָנעס און דער צוג האָט זיך ווידער אַ לאָז געטאָן מיטן גאַנצן אימפּעט. עס איז אים געוווען לייכטער. ער האָט מער ווי אַ העלפט פון זיין באַלאַסט אויסגעלאָדן אויפן ראַנד פון וואַלד און דעריבער נאָך שנעלער געלאָפן צום ציל.

דער וואַגאָן, ווו איך בין געזעסן, איז געוואָרן האַלב-ליידיק. די, וואָס זענען געבליבן, האָבן זיך אויס־געזעצט אויפן באָדן, אָנגעשפּאַרט זיך אויף די נידעריקע ווענטלעך פון וואַגאָן, אויסגעצויגן די פיס און זיך גע־שאָקלט אינעם ריטם פון צוג. דער פאַרוווּנדעטער, וועלכער איז געזעסן לעבן מיר, האָט זיך ווי אַ קליין קינד צוגעטוליעט נעענטער צו מיר און אָנגעהויבן צו שעפּטשען אָפּגעהאַקטע ווערטער. דער ערשטער סימן, אַז ער האָט זיך געפילט בעסער, איז געוווען דאָס, וואָס ער האָט זיך אָנגעהויבן באַקלאָגן אויפן ווייטיק. אויסער מיט אַ פּאָר באַרויִקנדיקע ווערטער האָב איך אים נישט געקענט העלפן. דער צוג איז פאַרבייגעפאָרן אַ דאָרף, עטלעכע שטיינערנע געביידעס, באַראַקן, אַ גאַס מיט מענטשן, און אין מאָמענט ווען ער איז געבליבן שטיין, האָבן מיר שוין דערהערט די גוואַלדן און ברילן פון די זעלנער: „ראוס, ראוס, שנעלער ראוס!”. דעם קבלת-פּנים האָבן מיר שוין געקענט. דאָס איז געוווען דער פריינדלעכער „גוט-מאָרגן” אויף יעדער סטאַציע פון אונדזער לאַנגן לאַגערוועג. מען האָט נאָר געדאַרפט זיך אויסהיטן פון אַ קלאַפּ. אומ־

באמערקטערהייט האסטו באקומען א שטויס, א בריק מיטן פוס, אדער א זעץ מיט א שטעקן איבערן קאפ.

מען האט אונדז אריינגעטריבן אין א גרויסן, ליכטיקן באראק, געהייסן שנעל אראפּוואַרפן די אלטע העפטלינגס־קליידער פון זיך, דורכלויפן דורך קאלטע דושן, אריינשפרינגען אין א פאס מיט שטינקנדיק קאר־באל־וואסער און אדורכלויפן דורך א צווייטער טיר אין קליידונגס־רוים. יעדער פון אונדז האט באקומען א העמד און א דעקע און מיט דעם געלאפן ווייטער. אין אזוינע מינוטן, האבן מיר קיין מאל נישט געוווּסט ווער עס יאגט, ווו מען יאגט און ווער איז דער, וואס ווייסט דעם וועג. איינער איז נאכגעלאפן דעם צווייטן און קיינער האט נישט געוווּסט פון וואנען ווייסט דער, וואס לויפט דער ערשטער, וווּהין מען מוז לויפן.

עס איז געווען אן אפריל־אוונט און א קאלטער רעגן האט געשניטן איבערן נאקעטן קערפער. מיט דער דעקע האט מען צוגעדעקט דעם קאפ און פנים און די דינע, נאקעטע און אויסגעדארטע פיס זענען געלאפן אין א גענדזנמארש, גיכער, גיכער פון ווינט און רעגן אוועק. איינער האט געקוקט אויף די פאדערשטע פאר פיס פון צווייטן, כדי נישט צו פארלירן דעם וועג. מיר זענען געלאפן בארוועס אויף קאלטע, בלאטיקע שטעג־לעך און דערלאפן צו א באראק, וועלכער איז מיט א מאל אויסגעוואקסן פאר אונדזערע אויגן. מיר האבן געציטערט פון קעלט און וואס גיכער אריינגעלאפן אין

באַראַק זיך צו שיצן פון רעגן און דעם שניידנדיקן ווינט.

ווי מיר זענען אָנגעקומען האָבן מיר זיך דערוווּסט שפּעטער פון שטוב-עלטסטן, וועלכער האָט אונדז באַגעגנט און אונדז פייערלעך געמאָלדן, אַז מיר געפינען זיך אין דאַכאַו-לאַגער. ביז איצט האָבן זיך יידן אַרומגעוואַלגערט און אויסגעשטאָרבן אין די וואַלד-לאַגערן, וואָס זענען געווען קליינע „פאָרשטעט" אַרום דאַכאַו; איצט זענען מיר אָנגעקומען אין סאַמע צענטער, אין דעם וועלט-באַרימטן לאַגער, וועלכער איז געוואָרן דער סימבאָל פון נאַצישן געוואַלד און רציחה. ביז איצט האָבן יידן נישט געהאַט דעם כבוד צו זיצן אין דעם דאַכאַו-לאַגער, פאַר אונדז איז דאָ געווען צו גוט. פון דעם יוגאָסלאַווישן העפטלינג, וועלכער האָט פאַרוואַלטעט מיט דעם באַראַק, האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז דאָ זיצן פערציק טויזנט אַרעסטאַנטן, פאָרשטייער פון אַלע אייראָפּעאישע פעלקער. טויזנטער זענען דאָ אויסגעשטאָרבן פון קלעפּ, הונגער און קראַנקייטן, אָבער אַ סך טויזנטער לעבן נאָך, אַרבעטן, און מאַטערן זיך. ער האָט דערציילט רויִק און זאַכלעך וועגן דעם לאַגער און געבעטן מיר זאָלן זיך פאַרהאַלטן ווי עס פּאַסט פאַר דאַכאַוער העפטלינגען. ער האָט אונדז אויסגעציילט און דערקלערט, אַז ער האָט נישט גענוג פּלאַץ פאַר אונדז אַלע, און דעריבער מוזן מיר ליגן 3 אויף צוויי בעטלעך. דאָס הייסט צוויי אין דער לענג און איינער אין דער ברייט צופוסנס. ער וועט זיך באַמיען

מיר זאָלן באַקומען אונדזערע פּאָרציעס עסן, אָבער די לעצטע טעג איז געוואָרן שווערער מיט פּראָדוקטן, ווייל, ווי ער האָט געהערט, די אַמעריקאַנער זענען נישט ווייט פון דאַכאַו. ער האָט דערציילט פון אַ געהיימען באַפעל, וואָס שטאַמט פון הימלערן, אַז אין פאַל ווען די דייטשע כוחות וועלן דאַרפן אָפּטרעטן פון לאַגער, זאָל מען אויפרייסן און פאַרברענען אַלע באַראַקן צוזאַמען מיט די תושבים. מיר האָבן אויפגענומען זיין בשורה גלייכגילטיק, אָן יעדער פּאַניק, אָבער אייידער וואָס ווען איז מען געווען הונגעריק, פאַרפרוירן און אין איין העמד.

אַלע פיר ווענט זענען געווען פאַרשטעלט מיט דריי-עטאַזשיקע בעטלעך און אין מיטן איז געווען אַ פרייער קוואַדראַט. ס׳איז נישט געווען ווו צו שטיין און ווו צו זיצן. דעריבער זענען אַלע אַרויפגעלאָפן אויף די בעטלעך, זיך אויסגעלייגט צוויי אין דער לענג און איינער צופוסנס, זיך צוגעדעקט מיט די דעקעס, אַראָפּגעשלונגען דאָס ביסל ניכטערע שפייעכץ און געוואַרט.

אַז דער שטוב-עלטסטער האָט געפרעגט ווער איז דאָ דער דאָקטאָר, עס זענען דאָ אַ סך קראַנקע, מען דאַרף פאַרבינדן, „פלעגן", האָט ווער אָנגעוויזן אויף מיר. איך האָב אַלע מאָל ליב געהאַט צו ליגן אויפן סאַמע אויבערשטן בעטל, כדי צו זיין ווייטער פון דעם אונטערשטן ווירוואַר און וואָס ווייטער פון קאַפּאָס אויגן. אַז מען האָט אָנגעוויזן אויף מיר, האָט ער מיך



אַ צי געטאָן פֿאַרן פּוס און געהייסן אַראָפּגיין און אָנהויבן באַהאַנדלען די קראַנקע. אויף זיין באַפֿעל האָב איך אים געענטפֿערט: געוויס וועל איך טאָן מיין פֿליכט, אָבער האָסטו שוין ווען געזען אַ נאַקעטן און באָרוועסן דאָקטאָר? אויב דו וועסט מיר געבן שיך און הויזן, וועל איך גלייך צוטרעטן צו מיין אַרבעט. ער איז ערגעץ פֿאַרשוווּנדן און מיר געבראַכט אַ פּאָר האַלץ-שיך און העפֿטלינג-זעבראַ-קליידער. איך בין אַראָפּ פֿון מיין בעטל און זיך גענומען צו די יידישע ווונדן. עס האָט זיך באַלד אויסגעשטעלט אַ ריי פֿון חולים און איך האָב באַשמירט, פֿאַרבונדן און געמאַכט וואָס איך קען, מיט דעם ביסל רפֿואות וואָס איך האָב געפֿונען אין דעם אַפּטייק-קעסטל פֿון באַראַק.

וווען איך האָב געענדיקט מיין אַרבעט, האָב איך זיך אומגעקוקט ווי מיר זענען אין דער פֿרעמדער וועלט. איך האָב אַרויסגעקוקט דורך דער טיר און געזען אַ לאַנגע גאַס מיט באַראַקן, איינער ווי דער צווייטער אויסגעשטעלט אין איין ריי. אין גאַס איז געווען רויִק. מען האָט נישט געזען קיין לעבעדיקן נפֿש. איך בין פֿאָרזיכטיק אַרויס אין גאַס און פֿון דער וויטנס דערזען טורעמס און אויבן אויף די טורעמס — אונדזערע היטערס. ס'איז שווער געווען צו גלויבן, אַז אין דער טויטער שטאָט לעבן פֿעריציק טויזנט איינוווינער. דער יוגאָסלאַוו, מיט וועלכן איך האָב זיך שוין באַפֿריינדעט, האָט מיר ווידער דערמאָנט וועגן די פֿאַרניכטונגס־פּלענער פֿון לאַגער, אַז קיינער אַרבעט נישט, אַלע זיצן

איינגעשלאָסן אין די באַראַקן, און אַז אַלע רעזערוון פון פּראָוויאַנט האָבן זיך שוין געענדיקט. נאָר איין מאָל אַ טאָג טיילט מען צו אַ שיטערע וואַרעמע זופּ. ער האָט נישט געוווּסט ווער מיר זענען און פון וואַנען מיר זענען געקומען. אַז איך האָב אים געזאָגט, אַז מיר זענען יידן און מיר זענען געקומען פון די אַרומיקע וואַלד־לאַגערן, האָט ער ברייט געעפנט זיינע אויגן און געבליבן זיצן אַ דערשטוינטער. ערשטנס איז ער שוין געווען זיכער, אַז קיין איין איינציקער ייד איז שוין אין אייראָפּע נישט געבליבן. צווייטנס, אויב ער האָט פריער נישט געגלויבט די גרויל־מעשׂיות וועגן אויפרייסן דעם לאַגער, איז איצט, נאָך דעם ווי מען האָט געבראַכט אַהער יידן, איז ער שוין זיכער, אַז דער גאַנצער לאַגער שטייט פאַר אַ פאַטאַלער פאַרניכטונג. ער האָט זיך פאַרטראַכט און מיט אַ מאָל איז ער געוואָרן ווייכער, פאַרלוירן זיין באַפעלערישן טאָן און מיר פאַרגעשלאָגן אַ סיגאַרעט.

נאָך אונדזער געשפּרעך האָט ער זיך אַוועקגע־שטעלט אין מיטן פון ליידיקן קוואַדראַט און אין אַ צעבראָכענעם דייטש געמאָלדן, אַז באַלד וועט ער טיילן די זופּקע. איך האָב געוווּנען זיין צוטרוי און יעדע פרייע מינוט האָט ער זיך באַרימט מיט דעם, אַז ער איז געווען אַ פּאַרטיזאַן און אין זיין היים יוגאָסלאַוויע איז ער געווען פאַרמישט אין סאַבאָטאַזש קעגן דער דייטשער מאַכט. די ערשטע שעהן פון אונדזער באַ־קאַנטשאַפט האָט ער געהאַט אַ פאַרפראָרן פּנים. לאַנג־

זאַם האָט זיין פּנים זיך גענומען באַוועגן און מיט אַ מאָל האָב איך דערזען זיינע בלאַנדע ברעמען, אַ קאָפּ מיט שוואַרצע האָר און אַן אומעט אין זיינע אויגן. פון אים האָב איך זיך דערוווּסט פּרטים וועגן לאַגער, וואָס איך האָב ביז איצט נישט געוווּסט.

דאָ זענען געזעסן העפטלינגע פון אַלע אייראָפּעאי־שע מדינות, גלחים, פּריסטער, אַקאַדעמיקער, פּאַרטי־זאַנער, געוועזענע מיליטער־אָפיצירן. אַ סך פראַנצויזן, טשעכן, פּאָליאַקן, יוגאָסלאַוון און אפילו דייטשן. דער לאַגער איז דרייפאַך באַוואַכט, אַן עלעקטרישער צוים, אַ קאַנאַל מיט וואַסער וואָס נעמט אַרום ווי אַ גאַרטל דעם גאַנצן לאַגער און אַן איינפאַכער צוים פון שטעכיקן דראָט. אַלע דריי באַריערן ווערן באַוואַכט דורך ס.ס. וואַך־לייט. לעבן דעם לאַגער איז דאָ אַ ריזיקער מילי־טער־לאַגער פון ס.ס., מיט זייערע שפּיטעלער, אַנשטאַל־טן און אויסבילדונג־שולן. אין דעם לאַגער גרייט מען צו די קאַדעטן פון ס.ס., און דאָ מאַכט מען פון זיי דעם סופּערמאַן. דאָ לערנט מען זיי ווי צו זיין שטאַרק און ברוטאַל און ווי צו הערשן איבער דער מינדערווער־טיקער וועלט. די ביידע לאַגערן ליגן לעבן אַ קליין דייטש שטעטל דאַכאַו, וואָס איז באַרימט מיט איר מו־זיק־שול...

שוין צוויי טעג ווי מיר זיצן איינגעשלאָסן אין באַראַק. די לאַגער־גאַסן זענען טויט, נאָר אין דער לופט הענגט עפּעס אַ שוידערלעכע שפּאַנונג. מען האָט צווישן זיך נישט גערעדט, נאָר יעדער האָט געוווּסט,

אַז נאָך אַט דער טויטער רויִקייט מוז וואָס געשען, ווייטער קען די שפּאַנונג נישט אָנהאַלטן. ס׳מוז פּלאַצן אַהער אָדער אַהין. די יידן זענען געלעגן נאַקעטע אויף די בעטלעך, אויסגעזופּט די וואָרעמע זופּקע, זיך געקאַרטשעט פון קעלט, זיך אַראָפּגעגליטשט פון בעטל צום קלאָזעט און פון קלאָזעט צוריק צום בעטל. לאַנגזאַם האָט דער טויט באַפרייט פּלאַץ אויף די בעטלעך און ס׳איז געוואָרן שיטערער און באַקוועמער. פון צייט צו צייט פלעגט אַ ייד אַרויסרוקן דעם קאָפּ פון אונטער דער דעקע און אַ פרעג טאָן: נו, דאָקטאָר, וואָס וועט זיין דער סוף? די מערהייט אָבער האָט נישט געפרעגט קיין פראַגן. דער ענטפער איז שוין געלעגן אין זייערע ביינער. יעדער האָט נאָר געוואַרט אויפן ביסל שיטערע זופּ, כדי זיך אָנצוואַרעמען, זיך ווידער איינדרייען אונטער דער דעקע און דרעמלען. איך בין געווען דער איינציקער אין גאַנצן באַראַק, וואָס האָט זיך אַרומגעדרייט אין שיך און אין הויזן. איך האָב פאַרבונדן די וווּנדן, געציילט די טויטע און געוווּסט וועמענס ריי וועט קומען מאָרגן.

*****

דער 29־טער אַפּריל 1945 איז געווען אַ זוניקער טאָג. מיר האָבן געעפנט די טיר, כדי אויסצולופטערן דעם צימער. די זון האָט אַריינגעקוקט דורך דער אָפּענער טיר און געמאָלן אַ העלן, לענגלעכן קוואַדראַט אויפן דיל צווישן די בעטלעך. מיט אַ מאָל האָט אַ זאַלפּ

פון אַ מאַשין-געווער דורכגעשניטן די שווערע שטיל-קייט, וואָס איז געהאַנגען אין דער לופט. דורך דער אָפענער טיר האָב איך מיט אַ מאָל דערזען ווי עס לויפן מענטשן. ווידער אַ זאַלפּ פון קאַוואַלעריי און די זעלבע מענטשן לויפן צוריק. מינוטן פון רויִקער שפּאַנונג און ווידער אַ געלויף. ווי אַ וואַסער, וואָס האָט דורכגעבראָכן אַלע דאַמבעס, אַזוי האָט אַ שטראָם געטאָן אַ מענטשן-כוואַליע, זיך אויסגעשאָטן פון אַלע באַראַקן, אָנגעפילט די גאַסן, געשריען, געליאַרעמעט און געלאָפן ווי מיט צעשפּרייטע פליגלען אין איין ריכטונג. אין באַראַק האָט מען געבראַכט דעם קעסל מיטן וואַרעמען, וואַ-סערדיקן יושניק. דער מענטשן-שטראָם, וואָס איז גע-לאָפן פאַרביי אונדזער באַראַק, האָט מיך אויך ווי אַרויסגעשווענקט און איך לויף שוין מיט מיט דער מאַסע, נישט ווייסנדיק וווהין און צו וואָס. לויפן קען מען נאָר ביז צום צוים, און טויזנטער האָבן זיך אויס-געשטעלט לעבן דעם צוים, זיך איינגעקלעמט אין די שטעכיקע דראָטן און געשריען מיט נישט-מענטשלעכע קולות. ביים טורעם פון דער ס.ס.-וואַך שטייען 4 אַמע-ריקאַנער זעלנער גרייט צום שיסן. די ריזיקע מענטשן-מאַסע, וואָס האָט דערזען די אַמעריקאַנער זעלנער, האָט אויסגעבראָכן מיט אַ הורא-געשריי, וואָס האָט פאַר-הילכט דעם גאַנצן לאַגער און ווי אַ דונער זיך צע-ברעקלט אין טויזנטער ווידער-קלאַנגען, וואָס האָבן אויסגעשריען פון טויזנטער פאַרשמאַכטע העלדזער. איין טייל האָט זיך געוואָרפן אויף דער ערד, געטופּעט

מיט די פיס און געשריען; אַנדערע זענען געשפּרונגען אין דער לופט און געוואָלדעוועט. מען האָט פון זיך אויסגעטאָן די קליידער און זיי געשליידערט אין דער הויך. טויזנטער הייזעריקע שטימען האָבן אויסגע־שריען פון איין ריזיקן האַלדז און איין ווייטער גע־שריי האָט אָפּגעקלונגען פון יענער זייט צוים: פריי־הייט! מען איז אַרויפגעפאַלן איינער אויפן צווייטן, זיך אַרומגעכאַפּט, זיך געהאַלדזט, געקושט און גע־שריען. פון דעם טורעם זענען לאַנגזאַם אַראָפּ די ס.ס. סאָלדאַטן, מיט איינגעבויגענע קעפּ און אויפגעהויבענע הענט, און ווען איינער האָט געפּרוווט אַריינשטעקן די האַנט אין זיין קעשענע, האָט איין זאַלפּ אַוועקגעלייגט אַלע פיר. דער שאַס האָט אויפגעריסן אַ נייעם יובל פון ענטוזיאַזם און צווישן די וואָרטלאָזע געוואַלדן האָב איך שוין געקענט הערן דאָס וואָרט „טויט".

איך האָב זיך דערשראָקן פון דער ווילדער מענ־טשן־סטיכיע, זיך אַוועקגעריסן פון דעם צוים און אַנט־לאָפן צו מיינע יידן אין באַראַק אַריין. מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם האָב איך אויפגעריסן די טיר, זיך אַוועקגע־שטעלט אין דעם קליינעם, לערן קוואַדראַט און אַ געשריי געטאָן: „יידן, מיר זענען פריי". איך האָב דערהערט אַ מאָדנע באַוועגונג אויף די בעטלעך; קעפּ, קעפּ פון סקעלעטן, האָבן זיך צוגערוקט נעענטער צום ראַנד פון די בעטן און איבער די ברעטער האָבן אַרויסגעקוקט צו מיר טיפע איינגעגראָבענע אויגן און גלייכגילטיקע בליקן. אויפגעריסענע אויגן פון דער־

שטוינונג און פינקלדיקע אויגן פון גליק. אין דעם מאָמענט וואָס איך בין אַריין מיט דער בשורה האָבן זיי געזופּט זייער יושניק און געלעבט די גליקלעכסטע מינוטן פון טאָג. מיין בשורה האָט זיי ניט אָפּגעריסן אויף קיין איין מינוט פון זייער שיטערער זופּקע. ווען זיי האָבן געענדיקט אויסלעקן זייערע שיסעלעך, האָבן זיי אָנגעהויבן לאַנגזאַם באַגרייפן וואָס איך האָב גע־זאָגט און וואָס עס איז געשען. איך האָב נישט אויפ־געהערט צו שרייען און איבערחזרן נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל: „מיר זענען פריי; יידן, מיר זענען פריי!" איך האָב געמיינט אפשר האָבן זיי נישט דער־הערט. פאַר וואָס זענען זיי אַזוי גלייכגילטיק צו דער בשורה, אויף וועלכער מיר וואַרטן שוין אַזוי פיל יאָרן. איך האָב דערזען אין זייערע אויגן דעם ווייטיק פון יאוש און פון הילפלאָזיקייט. מיינע געשרייען האָבן זיי אויפגעוועקט, אָבער אין די אויסגעטריקנטע מו־חות האָט נאָר אַ פינקל געטאָן איין מחשבה — צו שפּעט.

ביי מיין אַרבעט מיט די לאַגער־קראַנקע האָב איך אָפּט פאַרגליכן די מענטשן צו אַן אינסטרומענט. וואָס פאַרמאָגט אַ ברייטע סקאַלע פון סטרונעס. אין לאַגער האָט יעדן טאָג געפּלאַצט אַ סטרונע און ווען דער מענטש האָט זיך דערנעענטערט צום סוף, פלעגט בלייבן נאָר די דינסטע סטרונע, אויף וועלכער דער קאַצעטלער האָט אַזוי איידל און צאַרט אויסגעשפּילט זיינע לעצטע טענער. מיין באַפרייונגס־בשורה האָט

געמאַכט שטאַרקער וויברירן די לעצטע סטרונע. ס׳איז געקומען צו שפּעט.

*****

עס זענען פאַרלאָפן טעג און דער לאַגער האָט געקאָכט ווי טויזנט קעסלען, די אַמעריקאַנער אַרמיי־סאָלדאַטן, וואָס זענען געוואָרן אונדזערע אַפּוטרופּסים, האָבן געוואָלט העלפן און ראַטעווען וואָס עס לאָזט זיך. אין די שכנות׳דיקע ס.ס.־לאַגערן האָט מען געפונען אָן אַ שיעור פּראָוויאַנטן. מען האָט אַלץ צעטיילט צווישן די באַראַקן און מענטשן זענען משוגע געוואָרן פון פּיקאַנטע גולאַש־קאָנסערוון און פון גרויסע שטיקער ברויט. ווער עס האָט נאָך געהאַט כוח האָט געפּאַקט אין זיך און געווען שיכור פון די אַלע פאַרגעסענע טעמים. מען האָט נישט געהערט וואָס דאָקטוירים וואָרענען און מען איז געפאַלן ווי פליגן, אין די קלאָזעטן, דושן און אויפן גאַס. די געדערים זענען געווען ווי אויסגעשאָבן פון הונגער און פון דעם דורכפאַל און כדי זיי צו ראַטעווען האָט מען געדאַרפט זיי פלעגן, ווי קליינע קינדער, לאַנגזאַם, צוביסלעך מיט פליסיקייט, מיט מילך און ביסקוויט. דער גולאַש, וואָס איז געווען דאָס הויפּט־עסן אין יענע טעג, איז געווען גיפט און דער טויט האָט געשניטן ווי מיט אַ קאָסע.

*****

יעדעס פאָלק, וואָס האָט געהאַט זיינע אַרעסטאַנטן, האָט געשיקט הילפס-דעלעגאַציעס קיין דאַכאַו. מען האָט אויסגעזוכט די אייגענע, זיי רעגיסטרירט, געטרייסט, געבראַכט מתנות, פּראָוויאַנטן און מעדיצינישע הילף. די פּאָר הונדערט יידן, וואָס זענען לעבן געבליבן, האָבן זיך אומגעדרייט אין לאַגער ווי יתומים אָן אַ טאַטן. קיינער האָט וועגן אונדז נישט געזאָרגט און קיינער האָט זיך מיט אונדז נישט אינטערעסירט. מיט קנאה אין די אויגן האָבן די יידן זיך צוגעקוקט ווי אַנדערע באַקומען מכל טוב. ווו זענען זיי די יידן פון דער פרייער וועלט? פאַר וואָס זוכן זיי אונדז נישט? צי דען ווייסן זיי נישט, די יידן, וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט און ווי מיר נויטיקן זיך אין זייער הילף? איין ייד האָט אָפּגעזוכט דעם צווייטן, זיך געטוליעט איינער צום צווייטן, גערעדט און זיך אַראָפּגערעדט פון הארצן. יעדער פון אונדז איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַרביטערטער און אין הארץ זיך אָפט געפרעגט, צו וואָס איז ער לעבן געבליבן. קיינער דאַרף אונדז נישט און קיינער וויל פון אונדז נישט וויסן. די שמחה פון באַפרייונג האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ געפיל פון טיפער איינזאַמקייט.

איך בין אַוועק אַרבעטן אין שפּיטאָל. אין דאַכאַו איז געוועזן אַ שפּיטאָל פון פינף טויזנט בעטן. מיט אַלע מאָדערנע איינריכטונגען. דאָס שפּיטאָל האָט געדינט ווי אַ שויפענצטער, און די נאַציס האָבן ביי יעדער געלעגנהייט זיך באַרימט פאַר אינטערנאַציאָנאַלע דעלעגאַציעס ווי גוט און שיין מען באַהאַנדלט

די העפטלינגע. ביי דעם שפּיטאָל זענען געווען אינסטי־טוטן פאַר פאָרשונג. דאָרטן האָבן די ס.ס.־דאָקטוירים עקספּערימענטירט, פאַרפּייניקט און פאַרפראָרן מענטשן.

איך בין געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר צוויי הונ־דערט קראַנקע, וואָס זענען געווען אויסגעלייגט אין אַ גרויסן זאַל אויף צוויי־עטאַזשיקע בעטלעך און געוואַרט אויף אַ דאָקטאָר. איך האָב זיך אַרומגעקוקט, זיך באַ־קאַנט מיט די קראַנקע און זיך גענומען צו דער אַרבעט. מיין געהילף איז געווען אַ האָלענדישער העפטלינג, וועל־כער איז שוין געזעסן אין דאַכאַו אַ פּאָר יאָר. ער איז גע־זעסן פאַר סאַבאָטאַזש, ווען ער האָט נאָך געאַרבעט אין דער פירמע „פיליפּס". ער איז געווען הויך און פעט, מיט אַ ברייט גוטמוטיק פּנים און אַ פּלאַטשיקער נאָז. ער איז געווען באַהאַוונט און דורכגעטריבן אין אַלע סודות פון לאַגער און האָט זיך כסדר באַרימט, אַז אים האָט קיין מאָל גאָר נישט געפעלט אין לאַגער און אַלם סאַניטאַר האָט ער ווייניק געליטן און געהאַט פון כל טוב. אין מעדיצין — האָט ער געזאָגט — פאַרשטייסטו מער, אָבער דאָ, אין לאַגער־שפּיטאָל דאַרף מען וויסן אַ סך מער פון אַ דאָקטאָר. ער האָט געהאַט אַ דערפאַרן אויג און זיך שנעל אָריענטירט וועמען וואָס עס פעלט. די אַמעריקאַנער האָבן אָנגעהויבן פאַרזאָרגן דעם שפּי־טאָל מיט אַ סך מעדיקאַמענטן און מכל־טוב. ער איז דערפון נישט געווען צופרידן. פאַר אים האָבן אַלע ווערטן זיך געביטן. אַנשטאָט צו אָרגאַניזירן ברויט, אַ שטיקל ווורשט, אַ פּאָר שיך, האָט ער אָנגעהויבן אָר־

גאַניזירן און קלייבן אַמעריקאַנער סיגאַרעטן. זיינע אינסטינקטן, וועלכע ער האָט אַנטוויקלט אין משך פון יאָרן, ווי בעסער זיך איינצואָרדענען, זיין חשובער, שטאַרקער און רייכער פון זיין שכן, האָבן ווייטער געאַרבעט, אָבער אויף אַ העכערן ניוואָ: גוטע סיגאַרעטן, העמדער, שיך, דער עיקר ער זאָל האָבן פון אַלעם בעסטן און פריער ווי אַנדערע. מיר זענען ביידע געשלאָפן אין אַן אָפּגעזונדערט ווינקל אין קראַנקן-זאַל און אין די פרייע אָוונטן געזעסן אויף אונדזערע בעטלער, געשפּילט אין שאַך און געפּלוידערט. איך האָב יעדן טאָג באַקומען אַ האַלב לעבל ברויט און מיין שענקל איז שוין געווען פול מיט ברויט. איך האָב נישט געקענט אויפעסן אַלץ וואָס איך האָב באַקומען, אָבער די מחשבות וועגן ברויט און דער ברויט-געשמאַק האָבן נאָך אַזוי טיף געלעבט אין די טיפסטע טיפענישן פון אונדזער וועזן, אַז אַרויסוואַרפן ברויט האָט אויסגעזען אין מיינע אויגן ווי דער גרעסטער פאַרברעכן. אין די פרייע מינוטן האָב איך אויסגערעכנט וואָס פאַראַ רייכטימער איך וואָלט זיך איינגעשאַפן אין לאַגער פאַר אַזוי פיל ברויט, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן אין מיין שענקל. דער האָלענדער האָט זיך פריער פון מיר באַפרייט פון דעם ברויט-קאָמפּלעקס און געלאַכט פון מיין גרויסן ברויט-לאַגער. איך האָב זיך באַמיט טיפער אַריינצוקוקן אין זיין נשמה, אים אויסגעפרעגט וועגן זיין פאַרגאַנגענהייט און וואָס ער מיינט צו טאָן ווען ער וועט קומען צו זיך אַהיים.

ער האָט ווייניק דערציילט פון זיין היים. ער איז געווען אַ זון פון אַן אָרעמער פאַמיליע, געאַרבעט אין „פיליפּס״, סאַבאָטירט און געקומען קיין דאַכאַו. ער האָט אויסגעמיטן צו דערציילן פון די דאַכאַו־גרויזאַמקייטן, פון קרעמאַטאָריום, און פון די ס.ס.־מערדער. ער האָט פיל גערנער דערציילט פון זיין לעבן דאָ אין שפּיטאָל, ווי גוט ער איז געווען איינגעאָרדנט, ווי גוט ער האָט געגעסן, און וועלכע שיינע וואַרעמע קליידער ער האָט אָרגאַניזירט. פון זיינע דערציילונגען האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָ האָט ער געהאַט מער כוח און מער השפעה ווי אויף דער פריי. דאָ איז ער געווען דער רייכסטער, דער שטאַרקסטער, דער זאַטסטער פון די אַלע אַרום אים. און אַ מאָל האָט זיך מיר געדאַכט, אַז די באַפרייונג, וואָס האָט אַוועקגענומען פון אים זיין גבורה, האָט אים דעגראַדירט און ער בענקט נאָך יענע צייטן, ווען ער איז געווען דער כל יכול און אַלע אַרום אים זענען געווען צעטראָטענע ווערים. אויף מיין פראַגע וואָס רעכנט ער צו טאָן אין דער צוקונפט, האָט ער געענטפערט, אַז אין האָלאַנד וועט ער נישט בלייבן. ער וויל אַוועק אין די האָלענדישע קאָלאָניעס. נאָר דאָרט קאָן מען ווערן רייך. ער האָט עס געזאָגט מיט אַזאַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט און גוטמוטיקייט, אַז עס האָט מיך אַ שוידער געטאָן, ווען איך האָב אַריינגעקוקט אין זיינע גרויסע בלויע אויגן. נאָך דעם געשפּרעך האָב איך זיך אַוועקגעלייגט אויף מיין בעטל, געשלאָסן די אויגן און געוואָלט אים בעסער פאַרשטיין,

טיפער אַריינדרינגען אין זיין נשמה. ער איז אפשר גאָר נישט שולדיק, ער איז שוין געווינט געווען צו זיין דער שטאַרקער און צו הערשן איבער שוואַכע, הונ־געריקע און צעדריקטע. דעריבער וויל ער ווייטער זיין אַ הערשער אין די האָלענדישע קאָלאָניעס און פאַרוואַלטן גרויסע פאַרמס און הערשן איבער טויזנטער שקלאַפן.

איין טאָג בין איך אַרוים פון שפּיטאָל און איך זע עס גייט מיר אַנטקעגן אַ יונגער מאַן אין טונקעלע זונענברילן, גלאַט פאַרקעמט, אָנגעטאָן אין אַ ציווילן שיינעם קאָסטיום מיט אַ שניפּס, געקומען גאָר ווי פון אַן אַנדער פּלאַנעט. שוין יאָרן האָב איך נישט געזען אַ מענטש זאָל גיין אַזוי געקליידעט. אָדער זעבראַ־קליידער, אָדער מיליטערישער אוניפאָרם. מיט אַ מאָל עפּעס אַזאַ אויסגעפּוצטער פראַנט. וואָס טוט ער דאָ אין דאַכאַו? איך זע ווי ער גייט דירעקט צו מיר, פאַלט אַרויף אויף מיר, נעמט מיך אַרום און צעכליפּעט זיך ווי אַ קליין קינד. „ווער ביסטו”? — פרעג איך אים, — „נעם אַראָפּ דיינע טונקעלע ברילן”. ער רופט מיך אָן ביים נאָמען און לויט זיין דינער סאָפּראַן־שטימע האָב איך אים באַלד דערקענט. איך האָב אויסגעשריען זיין נאָמען און זיך אויך צעווײנט אויף אַ קול. אַ חבר פון די יונגע יאָרן, אַ זשורנאַליסט, וואָס האָט פאַרבראַכט די מלחמה־יאָרן אין לאָנדאָן און איצט האָבן אים יידישע צייטונגען געשיקט באַזוכן דאַכאַו; זען און אויסגעפינען צי זענען נאָך לעבן געבליבן וועלכע

עס איז יידן דאָ. איך האָב אים גענומען פאַרן האַנט, אַפּגעפירט אָן אַ זייט און מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויפן גראָז ביי אַ טיפן גראָבן. ער האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף מיין אַקסל און מיר האָבן ביידע פאַרקראַמפּט געשוויגן. ווען איך בין געקומען צו זיך פון דער אומדערוואַרטעטער באַגעגעניש, האָב איך מיט אַ מאָל דערזען אין זיין פּערזאָן דאָס פרייע וועלט־יידנטום. די צופרידענע, זאַטע און גוט־געקליידעטע יידן. איך האָב זיך אַביסל אָפּגערוקט פון אים און וואָס עס האָט זיך מיר אָנגעקליבן אויפן הארצן פאַר די פאַר וואָכן פון דעם פרייען דאכאַו, האָב איך אויסגעגאָסן פאַר אים. איך האָב געזידלט און געשאָלטן, אַלץ און אַלע: „מיר ווילן פון אייך מער נישט וויסן — האָב איך געשריען — מיר ווילן בלייבן דאָ און אויסגיין, ווי די טויזנטער, וואָס זענען שוין אויסגעגאַנגען אין דעם לאַגער. פאַר אונדז איז די פרייהייט נישט געקומען. איר האָט אָן אונדז פאַרגעסן. נישטאָ מער קיין יידן אויף דער וועלט״. איך האָב געשריען ביז איך האָב זיך צעוויינט. ער איז נעבעך געזעסן ווי אַ פאַרמשפּטער, געשטאַמלט, געפּרוּווט זיך פאַרענטפערן, אַז מען לאָזט נאָך אין לאַגער קיין ציווילע מענטשן נישט אַריין. אַז בן־גוריון איז אין לאָנדאָן און ער באַמיט זיך טאָן פאַר אונדז... „מיר ווילן נישט גאָרנישט, נישט פון בן־גוריונען — האָב איך געשריען — פון קיינעם נישט. דאָ ווילן מיר בלייבן.״ ער האָט זיך ממש איינגעבויגן פון מיינע באַשולדיקונגען. ער האָט מיך גוט פאַרשטאַנען, מיך

לאַנגזאַם באַרויִקט און הייליק צוגעזאָגט, אַז אַלץ וואָס ער האָט געהערט פון מיר וועט ער צעשרייבן איבער דער גאַנצער יידישער וועלט. מיר האָבן זיך ביידע צעקושט און פונאַנדערגעגאַנגען, ער — צוריק קיין לאָנדאָן, און איך — צו זיך אין באַראַק.

מיט אַ מאָל האָט זיך פאַרשפּרייט אַ מינדלעכע מעלדונג איבער אַלע יידישע באַראַקן, אַז מאָרגן אין אַ באַשטימטער שעה פאַרקלייבן זיך אַלע יידן אויפן אַפּעלפּלאַץ. ווער האָט דאָס פאַררופן, ווער האָט דאָס אָרגאַניזירט, צו וועלכן צוועק, דאָס האָט קיינער נישט געוווּסט. גאַנץ פרי זענען שוין יידן, מיט די לעצטע כוחות, אַרויסגעקראָכן פון זייערע באַראַקעס הערן ווער עס רופט זיי און וואָס פאַראַ גוטע בשורות וואַרטן אויף זיי. אין מיטן פּלאַץ איז געשטאַנען אַ פּירקאַנ־טיקע בימה, צוזאַמענגעקלאַפּט פון ברעטער. אויף דער בימה איז געשטאַנען אַ קליינער וועג־ארון־קודש, וואָס די מיליטער־ראַבינער פון דער אַמעריקאַנער אַר־מיי האָבן מיטגעפירט מיט זיך אויף אַלע פראָנטן. אויף דער בימה איז אַרויף אַ יונגער אוניפאָרמירטער בחור, האָט געעפנט דעם ארון־קודש, אויפגעהויבן די הענט אין דער הויך און מיטן ענגלישן אַקצענט געמאַכט אַ פּאָר ברכות, וואָס האָבן זיך גאָרנישט געבונדן, נישט מיט אונדזער גורל, נישט מיטן לאַגער און נישט מיט די נויטן פון דער שעה. ער האָט ווידער פאַרמאַכט די טירלעך פון ארון־קודש און געבעטן די מיידלעך פון „כאָר" זאָלן אַרויפגיין אויף דער בימה. אין לאַגער

זענען געווען אַ פּאָר צענדליק אונגאַרישע פרויען, וואָס האָבן זיך פאַרוואַלגערט קיין דאכאו. מיט זיי האָט ער שוין איייניקע טעג רעפּעטירט און איצט האָבן זיי זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ ריי, געפלאָכטן אָרעם אין אָרעם און אָנגעהויבן צו זינגען. די צוזאַמענגעפלאָכטענע רייע פון די מיידלעך האָט זיך געוויגט פון איין זייט אויף דער צווייטער און געזונגען אין ענגליש אַן אומ־באַקאַנט ליד. מיר זענען געשטאַנען צוזאַמענגעדריקט אַרום דער בימה און נישט פאַרשטאַנען וואָס עס קומט דאָ פאָר. עפּעס אַ ווילדער ספּעקטאַקל פון נאַיווע נאַ־ראָנים אויף דער פּאָן פון דאכאוער אַפּעלפּלאַץ. אַ מונקאַטשער ייד, וואָס איז געשטאַנען נעבן מיר, האָט געצוקט מיטן קאָפּ, געברומט, זיך געוואָרפן און מיט זיין עלנבויגן מיר געשטאָכן צווישן מיינע ריפּן. בייז און אומגעדולדיק האָט ער נישט אויפגעהערט צו פיר־קען מיט דער נאָז און צו שילטן.

איך האָב געקענט דעם ייד פון לאַגער נאָך. דאָרט איז ער שוין געשטאַנען מיט זיינע לעצטע כוחות אויפן שוועל. אים האָט דער הונגער געגעסן אַנדערש ווי אַנדערע, און דעריבער האָט זיין גוף באַקומען אַ מאָדנע פאָרם. זיין געשטאַלט האָט זיך אויסגעזונ־דערט פון דער מוסלמענער־מאַסע, וועלכע איז געווען אַזוי ענלעך איינער צום צווייטן. ביי אים האָט דער הונגער אָפּגעגריזשעט די הענט און פיס און דורך אַ דינער דורכזיכטיקער הויט האָבן אַרויסגעקוקט בלויע דיקע אָדערן און שפּיציקע ביינער. זיין גוף אָבער איז

געבליבן רונד און פעסט און זיין גרויסער קאָפּ איז געזעסן אויף אַ קורצן האַלדז און ברייטע אַקסלען.

איך האָב אים אַלע מאָל באַאָבאַכטעט און באַוווּנ־דערט. אין די שווערסטע הונגער־טעג האָט זיך מיר געדוכט, אַז ער ווייס דעם סוד ווי צו שפּאָרן לעבן. ער האָט געאָפּפּערט מיט זיינע מוסקולן און מיט דעם פעטס פון זיינע הונגעריקע גלידער, כדי אָפּצוהיטן דעם וויכטיקסטן טייל פון זיין גוף — דעם קאָפּ. פאַר דער מלחמה איז ער געווען אַ רב אין זיין שטאָט מונקאַטש און זיינע יידן, וואָס זענען געקומען מיט אים צוזאַמען אין לאַגער, האָבן זיך געוואָרעמט נעבן אים און געזוכט דורך אים אַן ענטפער פון אַלמעכטיקן.

אַז דער רב האָט דערהערט דעם טשעפּליינ׳ס תפילה אויפן דאַכאַוער אַפּעלפּלאַץ און זיין נאַרישע דרשה, איז ער אויפגעשפּרונגען פון רוגזה. ער האָט זיך אויסגעדרייט צו זיינע באַגלייטער און געשריען, אַז נאָך דער מלחמה לייקנט ער אין גאָט און אין זיין גערעכטיקייט. ער האָט געשאָלטן און געברומט, געשאָלטן און געברומט. איך האָב אַרויפגעלייגט מיין האַנט אויף זיין אַקסל, געוואָלט אים באַרויִקן און נישט געקענט. איך האָב געפילט אַז פון כעס און אויפ־רעגונג צוקט אין אים יעדער אָדער. שוין אין לאַגער האָט ער אָפּגעשניטן אַלע זיינע באַציונגען מיט גאָט, ער האָט כסדר געטענהט, אַז אָדער ער זעט נישט אָדער ער האָט אַ האַרץ פון שטיין און אַז ווייטער גייט ער נישט מיט אים צוזאַמען.

ווען די מיידלעך, וואָס האָבן זיך געוויגט אויף דער בימה, האָבן געענדיקט זינגען, האָט דער מיליטער־טשעפּליין געעפנט אַ קליין קעסטעלע, און מיט אַן ערנסט צערעמאָניאַל פּנים אַרויסגענומען דינע קייטע־לעך, אויף וועלכע עס זענען געהאַנגען משה־רבינו׳ס לוחות׳לעך, און מיט אַ ווירדיקן זשעסט אויפגעהאָנגען אויף די העלדזער פון די מיידלעך, ווי אַ גענעראַל הענגט אויס מעדאַלן אויף זיינע העלדישע סאָלדאַטן. דער יונגער ראַבאַי אין מיליטערישן אוניפאָרם האָט מיט אַ צופרידן פּנים געמאָלדן, אַז די פאַרזאַמלונג האָט זיך געענדיקט און אַז מיר קענען שוין גיין. ער אַליין איז נאָך געבליבן שטיין אויף דער בימה, געריבן האַנט אָן האַנט און אויסגעזען זייער צופרידן כאילו ער האָט אָפּגעטאָן אַ וויכטיק שטיקל אַרבעט.

צוריק האָבן מיר געשלעפּט די פיס ווי שווערע קלעצער, זיך געטוליעט איינער צום צווייטן, געשוויגן און זיך געשעמט קוקן דעם חבר אין די אויגן אַריין. די יידן, וואָס זענען געגאַנגען צוריק פון דער פאַרזאַמלונג, האָבן אויסגעזען ווי אָפּגענאַרטע און אויסגע־לאַכטע און נאָך מער איינזאַם ווי זיי זענען געווען ביז איצט.

אין דעם שפּיטאַל האָב איך זיך צופעליק באַפריינ־דעט מיט אַ יונגן אָפיציר — אַ ייד פון דעטראַיט. כאָטש ער האָט גערעדט אַ צעבראָכענעם יידיש, האָב איך דאָך דערפילט אין אים אַ וואַרעם יידיש האַרץ. ער האָט פאַרמאָגט אַ פּאָר רויטלעכע רונדע באַקן,

גוטמוטיקע אויגן און אַ שעמעוודיקן שמייכל. ער האָט זיך אַזוי באַנומען, ווי ער וואָלט זיך עפּעס געפילט שולדיק אַקעגן די יידן פון לאַגער. ער האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס אַרום אים טוט זיך און פאַר וואָס ער פילט זיך אַזוי שולדיק. ער איז כסדר געווען פאַרנומען מיט זיינע „באָים”, געהאַט זיינע „דיוטים” און אויסער זיינע סאָלדאַטן, פאַר וועלכע ער איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך, קיינעם נישט געזען.

יעדן טאָג האָט ער מיך געזוכט. און יעדעס מאָל ווען מיר האָבן זיך געטראָפן, האָט ער נישט געהאַט וואָס צו פרעגן און וואָס צו זאָגן. אַזוי, נישט ווילנדיק, האָב איך יעדן טאָג אים אַריינגעשפּריצט אַביסל יידישן קומער. לאַנגזאַם. האָט ער געעפנט זיינע אויגן און מיט יעדן טאָג האָט ער אָנגעהויבן מער צו פאַרשטיין ווי זיין סאָלדאַטישער גורל האָט אים פאַרוואָרפן. וואָס ווייטער, אַלץ מער צייט האָט ער געווײלט און פאַרבראַכט צווישן אונדז. מיר האָט זיך געדוכט, אַז במשך פון די פּאָר וואָכן וואָס מיר האָבן זיך געטראָפן און פאַרבראַכט צוזאַמען, איז ער געוואָרן רייפער, מענלעכער און עלטער. אין זיינע יינגלשע אויגן האָט זיך אַריינגעגנבעט אַן אומעט און זיינע ראָזע קינדערשע באַקן האָבן זיך אַביסל אויסגעבלייכט. ער האָט מיך איינגעלאַדן צו זיך און מיר זענען אָפט געזעסן אין זיין קאַנטינע און איך האָב נישט אויפגעהערט אים צו פיטערן מיט יידישע צרות.

אין איינער פון אונדזערע באַגעגענישן, ווען ער

האָט געהערט פון מיר וואָס עס איז געווען און ווי אײנזאַם און פאַרלאָזט זענען די יידן איצט דאָ אין דאַכאַו, איז ער פלוצים אויפגעשפּרונגען, טיף אויפ־געבלאָזן זיין ברוסטקאַסטן, אויפגעהויבן זיינע אַקסלען און מיט אַ טאָן, ווי ער וואָלט געפונען דעם ענטפער צו אַלע אונדזערע יידישע צרות, געמאָלדן, אַז ער גייט שרייבן זיין טאַטן אין דעטראָיט. זיין טאַטע איז אַ רייכער ייד, אַ באַוווּסטער ציוניסט און אַ חשובער מיטגליד אין זיין „קאָמיוניטי״. ער וועט אים שרייבן וועגן אַלץ וואָס ער האָט דאָ געזען און געהערט און ער איז זיכער אַז זיין טאַטע וועט אונדז העלפן. מיט נייגיר האָט ער אריינגעקוקט אין מיינע אויגן און געוואָלט וויסן, ווי וועל איך רעאַגירן אויף זיין באַשלוס. איך האָב דערפילט אַז זיינע שטומע יידישע סטרונעס האָבן אָנגעהויבן צו וויברירן. זיין גוטער ווילן און זיין יינגלשע נאַיִוועקייט האָט מיך טיף גערירט. איך האָב אים איינגעקלעמט אין מיינע אָרעמס, צוגעדריקט נעענטער צו זיך און דערפילט אַז מיר ביידע געהערן שוין צו דער זעלבער משפּחה.

***

די גאַנצע וועלט איז שוין פריי, נאָר מיר זיצן נאָך אַלץ אין לאַגער, אָפּגעשלאָסן פון דער אַרומיקער וועלט. מען האָט פאַר אונדז מורא געהאַט מיר זאָלן נישט פאַרשפּרייטן קיין עפּידעמיעס און מיר זאָלן

נישט אויסברעכן אין ווילדע נקמה-אַקטן קעגן דער דייטשער באַפעלקערונג. אַז קיינער האָט נישט געזען, האָבן מיר אַרויסגעשניטן אַ פענצטער אין שטעכיקן דראָט און דורך דער עפענונג זענען מיר אַרויס אין אַ גרויסן פאַרק, וועלכער איז געלעגן בשכנות פון לאַגער. אין דעם פאַרק האָבן מיר צום ערשטן מאָל דערפילט דעם טעם פון פרייהייט. מיר זענען געזעסן אויף בענק אין שאָטן פון בוימער, געטראַכט, דיסקו־טירט און געחלומט. אָפגעריסן פון דערווירקלעכקייט, האָט יעדער געמאַכט זיינע פלענער, ווו צו זוכן די משפחות, וואָס וועט מען טאָן און ווו וועט מען נאָך דעם גיין. אַ גרופּע לעבן-געבליבענע דאָקטוירים האָט באַשלאָסן, אַז זיי פאָרן קיין פאַלעסטינע און זיי וועלן עפענען צוזאַמען אַ שפּיטאָל. מיך האָבן זיי נישט אַריינ־גערעכנט צווישן די שותּפים, ווייל זיי האָבן שוין געוווּסט, אַז איך האָב באַשלאָסן לויפן זוכן מיין קינד, דאָרט ווו איך האָט אים געלאָזן. ווו מיין פרוי געפינט זיך, צי זי לעבט, האָב איך נישט געוווּסט. אָבער ווו איך האָב מיין קינד געלאָזן ווייס איך.

מיט יעדן טאָג וואָס איז פאַרביי אַלץ שאַרפער האָט געברענט אין מיר די בענקשאַפט. איך בין דאָך שוין פריי, איז פאַר וואָס קען איך נישט לויפן צו אים, איינקלעמען אים אין מיינע אָרעמס און באַפרייען אים פון זיין יתומדיקער איינזאַמקייט. אָבער ווי אַזוי און ווו לויפט מען? יידן האָבן זיך געוויגט צווישן האָפנונג און פאַרצווייפלונג, איינער האָט געטענהט

ער וועט וואַרטן, דער צווייטער האָט זיך געריסן זוכן פרוי און קינדער, און אַ דריטער האָט שוין אַלעמען פאַרלאָרן און דעריבער אויף קיינעם נישט געוואַרט און קיינעם נישט געזוכט.

אַז איך האָב געזאָגט מיינע חברים, אַז איך לויף צוריק קיין ליטע זוכן מיין קינד, האָט מען מיך באַגעגנט מיט אויסטערלישע בליקן. „עס איז נישטאָ ווּ און צו וועמען צו לויפן — יענע זענען נישט בעסער... וואָס איילט איר זיך? ווּ פאָרט איר, דאָקטאָר? — האָט מיך געפרעגט אַ ייד, וואָס האָט גאָרנישט פאַר־געסן. — איר פאָרט צו זיי? — האָט ער מיר געמוסרט. — זיי, די טרעגער פון דער רויטער פאָן זענען דאָך געווען די ערשטע, וואָס האָבן פאַרטריבן אומשולדיקע מענטשן אין די וויטע סיבירישע סטעפּעס. זיי זענען דאָך געווען די ערשטע, וואָס האָבן צעריסן משפחות, אויסגעמעקט דאָס יידישע לעבן. איז צו וועמען לויפט איר?״

איך בין בייז געווען אויף דעם ייד פאַר זיינע רייד. טיף אין מיר האָב איך זיך לאַנגזאַם אויסגעבויט אַ נייע לעבנס־פילאָזאָפיע. די פיר יאָר קריג האָבן אין מיר געמאַכט אַלץ פאַרגעסן. איך משך פון די פיר יאָר, וואָס מיר האָבן געטרוימט און געוואַרט אויף היטלערס סוף, האָבן זיי דאָך צוזאַמען מיט אונדז געליטן און געבראַכט אַזוי פיל קרבנות כדי צו זיגן איבער אונד־זער געמיינזאַמען שונא. מיר האָבן געוואַרט אויף דער מינוט פון דער באַפרייונג, אַז די וואָס האָבן געקעמפט

און מיטגעהאָלפן אונדז ברענגען די פרייהייט, זענען געוואָרן אין מיינע אויגן די טרעגער און דער סימבאָל פון פרייהייט. דער כוח פון דער רויטער אַרמיי איז אויסגעוואַקסן אין אונדזער אויסגעמאַטערטער פאַנ־טאַזיע צו אַ כוח וואָס איז גוט, וואָס לייזט אויס פאַר־פייניקטע, וואָס באַפרייט פאַראורטיילטע צום טויט. עס קען דאָך נישט זיין, אַז דער כוח וואָס באַפרייט זאָל צו דער זעלבער צייט זיין אַ כוח וואָס פאַרשקלאַפט און דערנידעריקט. אין די נעכט האָב איך דיסקוטירט מיט זיך און אין איין פרימאָרגן האָב איך זיך געכאַפּט דערביי, אַז איך שטיי שוין אין זייער לאַגער.

די וועלט מוז ווערן בעסער — האָב איך געטענהט. נאָך אַזוינע דערשיטערונגען מוזן דאָך מענטשן ווערן בעסער, זיין גלייך און גליקלעך. און ווער קען דאָס אַלץ ברענגען, אויב נישט זיי, וואָס האָבן מיט אַזוי פיל קרבנות צעבראָכן היטלערס וועלט־הערשאַפט. איך האָב דיסקוטירט מיט מיינע חברים, זיי צוגערעדט זיך אָנצושליסן אין דעם לאַגער, וואָס וועט איין מאָל פאַר אַלע מאָל באַפרייען די וועלט פון מלחמות און ברענ־גען אויף דער וועלט דעם אייביקן שלום.

מיינע פריינד און חברים האָבן מיך אויפגעהערט צו פאַרשטיין. זיי האָבן מיר דערמאָנט דעם פאַרמלחמה־יאָר, די מאַסן־אַרעסטן דעם חורבן פון דער יידישער קולטור, די גרויזאַמקייטן און דעפּאָרטאַציעס. זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען ווי מען קען דאָס אַלץ פאַרגעסן. איך בין אָבער געבליבן ביי מיינס.

זיי זענען געוואָרן אַנדערש — האָב איך גע־טענהט — זיי האָבן זיך אויסגעלייטערט אין שווערן קריגס־געראַנגל און די זינד זייערע האָבן זיי אָפּגע־וואַשן מיט זייער בלוט. די צוקונפט געהערט צו זיי און איך פאָר אַהין, כדי מיט זיי צוזאַמען בויען אַ ניי גליקלעך לעבן פאַר אַלע מענטשן, ווער עס זאָל נישט זיין.

אפשר, האָב איך זיך אויסגעבויט אין מיין פאַנ־טאַזיע אַזאַ שיינע וועלט אויס נויט. איך מוז דאָך פאָרן אַהין, צו זיי, זוכן מיין קינד; איז דאָך בעסער־פאָרן אַהין, ווו עס איז בעסער און שענער, ווו מענ־טשן זענען גליקלעך און די וועלט גערעכט.

מיינע חברים, מיט וועלכע איך בין דורך צוזאַמען דעם לאַנגן לאַגער־וועג, האָבן אָנגעהויבן מיך אויס־צומיידן. פרעמדע און פאַרדאַכטיקע בליקן האָבן מיך באַגלייט און איזאָלירט. קיינער האָט נישט פאַרשטאַ־נען מיינע רייד און מיין באַנעמונג, און מיט אַ מאָל האָב איך זיך דערפילט אָפּגעזונדערט און אַליין. מיינע לעבנס־יסודות האָבן זיך אַ וואַקל געטאָן. אַלע יאָרן געחלומט און געבענקט פון ציון און מיט אַ מאָל האָט מיך אַן אומבאַקאַנטער כוח אַריינגעשליידערט אין אַ פרעמדער וועלט. איך האָב פלוצים פאַרלאָרן דעם באָדן, אויף וועלכן איך האָב זיך דערצויגן און אויסגעוואַקסן, זיך אָפּגעריסן פון נאָפּל, וואָס האָט דערנערט מיין גייסטיקע און אידעאישע וועלט.

אין די נעכט האָבן מיך אויפגעוועקט קאָשמאַרן.

איך האָב זיך געשליידערט אין מיין בעטל און זיך קיין אָרט נישט געפונען. איבער דעם געראַנגל האָט געשוועבט די געשטאַלט פון מיין קינד. גיכער לויפן צו אים, זיך נישט צוהערן וואָס אַנדערע זאָגן, איך קען נישט וואַרטן מער. מיין האַרץ גייט אויס פון בענקשאַפט נאָך אים.

***

דער לאַגער ווערט שיטערער פון טאָג צו טאָג. דעלעגאַציעס פון פאַרשידענע מדינות קומען, ברענגען שפייז און מעדיקאַמענטן, נעמען צוזאַמען די אייגענע און מען פאָרט אַהיים.

צוויי פעלקער זענען געווען אין דעם באַפרייטן דאַכאַו אָן אַ טאַטן — די יידן און די רוסן. די רוסישע דאַכאַו־בירגער זענען אַממייסטן געווען אָפיצירן, וואָס האָבן געמאַכט אַ פּרווו צו אַנטלויפן פון געפאַנגען־לאַגערן און די שטראָף איז געווען — דאַכאַו. נאָך דער באַפרייונג האָבן זיי געוואַרט לענגער ווי אַלע אַנדערע ביז זייער „פאָטערלאַנד" האָט זיך אין זיי דערמאָנט און גערופן אַהיים. מיט אַ מאָל האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג אין די באַראַקן, אַז הויכע רוסישע אָפיצירן זענען אָנגעקומען אין דאַכאַו. זיי האָבן זיך נישט באַוויזן אין די גאַסן פון לאַגער, זיך נישט באַגעגנט מיט זייערע חברים, נאָר געזעסן ווו פאַרשלאָסן און געמאַכט רשימות פון די קראַנקע און געזונטע, כדי

צו וויסן ווער און וויפל עס גייען מיט זיי צוריק אין זייער פאַטערלאַנד. אין איינעם פון די ליידיקע באַראַקן האָט זיך געעפנט אַ „קלוב״ פאַר די צוריקקערער. דאָרטן האָבן זיי זיך געזאָלט פאַרזאַמלען „קולטורעל פאַרברענגען די צייט״, לעזן און זיך חברן איינער מיטן אַנדערן.

אין דעם קלוב זענען געווען אויסגעהאַנגען בילדער פון די „גרויסע״ און אויף אַ טיש זענען געלעגן אויסגעשפּרייט אַ פּאָר מאַגערע בראָשורקעס. איינע פון די בראָשורקעס האָט געהייסן „סטאַלין האָט געזאָגט, אַז דאָס פאָטערלאַנד וועט אייך אויפנעמען מיט אָפענע אָרעמס״. די צווייטע בראָשור האָט געהייסן „די היים וואַרט אויף אייך״, און נאָך עפּעס איינציקע בלעטלעך מיט אויסגעדראָשענע ביליקע לאָזונגען. אַז איך האָב איבערגעלייענט די בראָשורן און די בלעטלעך, האָט זיך מיר געדאַכט אַז די פיר מלחמה־יאָרן האָבן גאָרנישט געענדערט. די זעלבע שפּראַך, די זעלבע לאָזונגען, די זעלבע אויסגעדראָשענע פראַזן און די זעלבע צוזאָגן. די לאָזונג „די היים וועט אייך אויפנעמען מיט אָפענע אָרעמס״ האָט זיך געקייקלט פון אָרט צו אָרט און פון מויל צו מויל, אויף אַלע ווענט, אין אַלע טראַנספּאָרטן, אין אַלע דורכגאַנגס־לאַגערן און אומעטום ווו מיר האָבן זיך געטראָפן מיט דער סאָוויעטישער מאַכט.

דעם טיפערן זין פון דער לאָזונג האָב איך ערשט

שפּעטער ריכטיק פאַרשטאַנען. איך האָב זיך פאַר־שריבן צו פאָרן „אַהיים". אַלס דאָקטאָר האָב איך געדאַרפט באַגלייטן די קראַנקע סאָוויעטישע בירגער, וואָס זענען געלעגן אין שפּיטאָל. די אַמעריקאַנער אַר־מיי האָט געזאָרגט פאַר טראַנספּאָרט־מיטלען, וועלכע האָבן אונדז געדאַרפט ברענגען צו אַ צענטראַלן פּונקט אין דער רוסישער זאָנע. פון דאָרט האָט מען אונדז פאַרזיכערט, וועלן שוין זאָרגן פאַר אונדז אונדזערע חברים. נעבן דאַכאַוער שפּיטאָל זענען געשטאַנען גרייט פופציק אַמבולאַנסן. אין יעדן אַמבולאַנס זענען אַריין צען מענטשן. צוזאַמען האָבן פאַרלאָזט דעם שפּיטאָל 500 מאַן. ביים טויער פון שפּיטאָל האָט אויך געוואַרט דער כירורג, מיט וועלכן איך האָב צוזאַמען געאַרבעט, כדי מיט אים צוזאַמען זיך אַריינזעצן אין איין אַמבו־לאַנס. פון אַ צווייטן אַמבולאַנס, וואָס איז געשטאַנען אין ריי, שרייט צו מיר אַ חבר — אויך אַ דאָקטאָר — אַז איך זאָל אַריין צו אים, ס'איז נאָך דאָ פּלאַץ. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך וואַרט און וועל פאָרן מיטן נאָענטסטן. דער גאַנצער קאַראַוואַן אַמבולאַנסן האָט זיך אַ ריר געטאָן און אָנגעקומען אויפן מינכענער עראָדראָם. יעדער אַמבולאַנס האָט אונדז צוגעפירט צו אַ טיר פון אַן עראָפּלאַן, אָפּגעלאָדן די פּאַסאַזשירן און אַוועק. פופציק עראָפּלאַנען האָבן זיך אויפגע־הויבן אין דער לופט. מיר זענען געפלויגן אַ צען מינוט און איך פיל ווי דער עראָפּלאַן לאָזט זיך שוין אַראָפּ. ווער ווייס, אפשר זענען מיר שוין אָנגעקומען.

איך פלי דאָס ערשטע מאָל, אפשר דאַרף דאָס מער נישט דויערן און מיר זענען שוין ביים ציל.

ווען דער פּילאָט איז ארויס פון זיין קאַבינע, האָ־בן מיר אים אַ פרעג געטאָן, צי מיר זענען שוין אָנ־געקומען. ער האָט אַ שמייכל געטאָן, און געזאָגט אַז אין דער לופט האָט ער באַקומען אַ ידיעה, אַז דאָרט ווו ער דאַרף אונדז ברענגען פעלן טראַנספּאָרט־מעג־לעכקייטן, אַז די רוסן זענען נאָך נישט גרייט אונדז אויפצונעמען, דעריבער האָט ער אונדז געבראַכט צו־ריק אויפן זעלבן פּונקט, פון וועלכן מיר זענען ארויס. 35 אַעראָפּלאַנען האָבן באַקומען דעם באַפעל אין דער לופט, פּופצן זענען אַוועקגעפלויגן ווייטער. צווישן זיי דער דאָקטאָר וואָס האָט מיך גערופן מיטפאָרן אין זיין אַמבולאַנס. ער איז פאַרפלויגן אין דער „פרייער״ וועלט און יאָרן זיך געוואַלגערט אין נויט און אין טורמעס. איך בין אַוועק צוריק קיין דאַכאַו וואַרטן אויף דעם נאָענטסטן טראַנספּאָרט.

דער כירורג איז געווען פאַרצווייפלט און נידער־שלאָגן. ער איז געווען אַ מענטש אין די פופציקער, אַ באַרימטער כירורג, און אין געטאָ איז ער געווען פאַרבונדן מיט אַ יונגער שיינער פרוי, וועלכע האָט אים געטרייסט אין די שווערע געטאָ־יאָרן. פון זיין פרוי, וועלכע איז געבליבן אין לאַגער שטוטהאָף, האָט ער גאָרנישט געהערט. ער איז געלאָפן זוכן זיין געליבטע. אין די ליידיקע פאַרנאַכטן האָבן מיר געשמועסט אינ־טים וועגן זיך און וועגן אַנדערע. אין איינעם אַזאַ

געשפּרעך האָט ער מיר געזאָגט: „יע, דיר איז גוט, דו ווייסט אַז דער צו וועמען דו פּאָרסט דאַרף דיך און וואַרט אויף דיר. איך פּאָר און בין נישט זיכער צי זי וואַרט אויף מיר, צי נישט.“ ער איז געווען זיכער, אַז זיין פרוי איז נישטאָ און עס האָט אים שטאַרק געצויגן צו זיין געליבטער. אין זיין פאַנטאַזיע האָט ער געזען אַ צוקונפט פול מיט גליק, אָן קאָנפליקטן און אָן אַ שלעכט געוויסן. דער לאַגער האָט נישט אויסגעלאָשן אויף אַ האָר זיין ליבע צו יענער פרוי, וועלכע האָט אים געשענקט צערטלעכקייט און פרייד אין דעם געטאָ-אומעט.

פאַר די פּאָר וואָכן, וואָס מיר האָבן זיך ארומגע־דרייט פריי אין לאַגער, האָט זיך אָנגעקליבן ביי יעדן איינעם אַ פריוואַט אייגנטום. די פולע ס. ס. סקלאַדן האָבן געהאַט גענוג קליידער, וועש און שיך. מען האָט אונדז באַשיכט און באַקליידט. מיר זענען געווען אָנגעטאָן ווי אויף אַ מאַסקאַראַד: מיליטערישע ס. ס. קליידער און אויפן קאָפּ רויטע טערקישע פעזקעס, וואָס זענען געווען צוגעגרייט אין ס. ס. לאַגער פאַר אַ ספּעציעלער אַפריקאַנישער ס. ס. איינהייט.

איך האָב באַקומען אַ פּאָר וואַרעמע שטיוול, אַ מתנה פון מיין האַלענדער, וועש, מעדיקאַמענטן, אַ ראַזיר־מעסער און אַנדערע נויטיקע קליייניקייטן. עס האָבן זיך שוין אָנגעזאַמלט „ווערט־זאַכן“, וואָס מען האָט געדאַרפט סאָרטירן, איבערלייגן, פאַרפּאַקן און היטן. ס׳האָט זיך פון דאָס ניי אַריינגעגנבעט אַן אַלט

פאַרגעסן געפיל, אַז דאָס וואָס געפינט זיך אין פעקל איז אַלץ מיינס. דאָס אַלץ געהערט מיר. מיר גרייטן זיך שוין פון דאָס ניי אין וועג אריין. קיינער פרעגט נישט ווו מען פאָרט, כאילו די „היים״ איז עפּעס אַ געאָגראַפישער פונקט, מען וועט אונדז ברענגען, אראָפּ־לאָזן און שוין אָנגעקומען.

יעדער האָט פאַרגעסן, אַז זיין היים איז טויזנט קילאָמעטער פון צווייטנס היים, מען האָט נישט גע־טראַכט, ווו מען פירט דאָרט גייט מען, זיי ווייסן שוין. די אַמעריקאַנער האָבן אונדז באַזאָרגט מיט עס־פּאַקעטן, ארויפגעזעצט אויף לאַסט־אויטאָס און מען פאָרט אין דער ריכטונג פון גראַץ. ווו ליגט גראַץ, צו וואָס גראַדע גראַץ, האָט קיינער נישט געוווּסט.

***

מיר זענען אָנגעקומען ביים ברעג פון דוניי, דאָרט האָט מען אונדז אויסגעלאָדן פון די לאַסט־וואַגאָנעס, אויפגעלאָדן אויף אַ שיף און מיר גליטשן זיך שוין אויפן רוּיִקן טייך דוניי. אַרום באַגלייטן אונדז שיינע גרינע בערג. וואָס איז וויכטיק ווו מען פאָרט. ס׳איז אונדז גוט, די זון וואַרעמט, מיר זענען זאַט און אָנגע־טאָן און אויף אַ ווייל האָבן מיר פאַרגעסן פון וואַנען און וווּהין מיר פאָרן.

איך האָב זיך צוגעהערט צום שטילן געזאַנג פון די רוסישע זעלנער, געשלאָסן די אויגן און פון גאַר־

נישט געחלומט. אויף דעם גלאַטן דוניי האָב איך פאַר־געסן אַלע געאָגראַפישע באַגריפן. די פיר יאָר לאַגער־לעבן האָבן אויסגעמעקט פון מיין זכרון די גאַנצע וועלט־מאַפּע. איך האָב זיך גאַרנישט געפרעגט די פראַגע: ווי אַזוי וועט מיך דער דוניי ברענגען צו מיין קינד קיין ליטע? איך האָב זיך פאָרגעשטעלט, אַז איין וועג פירט אַלעמען אין זיין היים, יעדער וואָס וועט פאַרבייפאָרן זיין הויז וועט אַראָפּגיין, און דער רעשט וועט פאָרן ווייטער.

שוין פליענדיק פריער אויפן אַעראָפּלאַן האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז ער וועט אַריבערפליען ליטע, מיך אַראָפּלאָזן גענוי אין דעם דאָרף וווּ מיין זונעלע לעבט און וועט פליען ווייטער. אַלע באַגריפן פון דיס־טאַנץ, גרענעצן, פעלקער, האָט זיך אויסגעמישט אין מיין מוח און די נאָך־מלחמה־וועלט האָט מיר אויסגע־זען איין משפחה וווּ איינער וויל העלפן דעם צווייטן און אַלע צוזאַמען זאָרגן וועגן מיר איך זאָל וואָס גיכער געפינען מיין פרוי און קינד.

אַז די שיף איז צוגעשוווּמען צום ברעג, האָבן מיר גענען פאַר זיך אַ באַרג און אויפן שפּיץ פון באַרג אַ קלויסטער. אויפן ברעג האָבן שוין געוואַרט אויף אונדז באַוואָפנטע רוסישע זעלנער. מיר זענען אַזוי געוווינט געווען צו מאַרשירן אין באַגלייטונג פון באַ־וואָפנטע סאָלדאַטן, אַז אין די ערשטע מינוטן האָבן מיר גאָרנישט באַגריפן, אַז מען באַגלייט אונדז מיט געווער און כמעט פאַרגעסן, אַז מיר זענען שוין פריי.

מיר האָבן אָנגעהויבן שטייגן באַרג־אויף און מיט אַ מאָל דערזען אַן אַלט באַקאַנט בילד. עס שלענגלט זיך אַ רייע פֿון קאַצעטלער און פֿון ביידע זייטן ציען זיך באַוואָפֿנטע זעלנער. ווער זענען זיי? — אונדזערע שומרים, צי אונדזער ערן־וואַך? מען זעט נישט דעם שפּיץ פֿון באַרג, מען סאָפּעט און מען שוויצט און דאָס שטייגן אַרויף ווערט שווערער. מען שטייט אָפּ און מען יאָגט ווידער אָן. שווער צו שלעפּן די פּעקלעך און לאַנגזאַם וואַרפֿט מען אַראָפּ פֿון זיך וואָס מען קען, כּדי זיך צו באַפֿרייען פֿון איבעריקן באַלאַסט. איך האָב זיך שווער געזעגנט מיט מיינע וואַרעמע שטיוול, אָבער נישטאָ קיין ברירה — איך קען זיי מער נישט מיטשלעפּן. מיר האָבן זיך צו קורץ אָנגעפּרייט מיט אונדזער אייגנטום. וואָס ווייטער אַלץ שווערער, און אַז מיר האָבן דערגרייכט דעם שפּיץ פֿון באַרג, זענען מיר שוין געווען באַפֿרייט פֿון אַלע פּעקלעך, וואָס מיר האָבן מיטגענומען מיט זיך. איך האָב זיך געלאָזן נאָר מיין טאָרבע מיט די נויטיקע מעדיקאַמענטן און דאָס אַלץ. אַז מיר זענען אַרויפֿגעקראָכן אויפֿן שפּיץ פֿון באַרג, איז שוין מער קיין כּוח נישט געווען צו גיין ווייטער. אונדזערע באַגלייטער האָבן נאָך פֿאַרזוכט אונדז שטופּן ווייטער, אָבער מיר האָבן זיך אויסגעזעצט אַרום אַ בוים, אויסגעטאָן די שיך, געקומען צו זיך און געוואָלט פֿאַרשטיין ווו מיר זענען דאָ אָנגעקומען.

דער טייך פֿון אונטן האָט זיך געשלענגלט דין און

רויִק און מיט אַ מאָל האָבן מיר דערפילט, אַז מיר האָבן איין וועלט פאַרלאָזן און אַריין אין אַ צווייטער, און הינטער אונדז האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אַ געדיכטע וואַנט און נישטאָ מער קיין צוריק. נעבן אונדז איז דערשינען אַ סאָלדאַט מיט ברייטע גאַליפּע־הויזן, מיטן היטל אָן אַ זייט, זיך אַוועקגעשטעלט מיט די פיס אין דער ברייט און די הענט אויף די באָקעס און געפרעגט ווער מיר זענען און פון וואַנען מיר האָבן זיך גענומען. מיר האָבן אים געענטפערט, אַז מיר זענען געוועזענע קאַצעטלער פון דאַכאַו און זיך אײַ־בערגענומען מיט אונדזער יחוס. אויף אונדזער ענטפער האָט דער זעלנער אַ צי געטאָן זיין רובאַשקע אונטערן רימען און מיט אַ ברייטער זיכערקייט געזאָגט: „ני־טשעוואָ — ס'איז גאָרנישט. סטאַלין האָט געזאָגט, אַז נישט געקוקט אויף אַלץ, וועט די היים אייך אויפ־נעמען מיט אָפענע אָרעמס". אין דעם מאָמענט איז פאַרבייגעגאַנגען אַ מיידל מיט ברייטע היפטן און לאַנגע צעפּ און דער סאָלדאַט האָט זיך אַ דריי געטאָן צו איר, אַ פּאַטש געטאָן איר אין הינטן, אַרויסגעז־שפּיגן אַ פּאָר שמוציקע ווערטער, דערמאָנט די מאַמען אירע, זיך אויסגעדרייט און פאַרשוווּנדן.

אין אונדזער גרופּע, וואָס האָט זיך געהאַלטן צו־זאַמען, זענען געווען דריי דאָקטוירים, אַן אַגראָנאָם און אַ געוועזענער הויכער אָפיציר פון דער רויטער אַרמיי. דער פּאַטש אין הינטן און די קללה אין דער מאַמען אַריין, האָט אונדז מיט אַמאָל ווי אויסגעניכ־

טערט. מיר האָבן דערזען די זעלבע וועלט, ווי מיר האָבן זי געלאָזן פאַרן קריג. פיר יאָר האָבן מיר גע־לעכצט צו זען דעם סאָלדאַט, דעם באַפרייער. אין אונדזער פאַנטאַזיע איז דער באַפרייער אויסגעוואַקסן צו די העכסטע הויכקייטן. ער איז דאָך געוואָרן דער טרעגער פון אַל דאָס גוטע און איידלסטע און מיט אַ מאָל שטייט ער דאָ פאַר אונדז, פּאַטשט אַ מיידל אין הינטן און שעלט אין דער מאַמען אריין. מיר זענען געווען זיכער, אַז די מענטשן האָבן זיך אויסגעאיידלט, אַז די מיליאָנען קרבנות און זייערע ליידן האָבן דער־הויבן, געריייניקט און אויסגעלייטערט. מיר האָבן זיך פאַרשעמט, אויפגעשטאַנען, אָפּגעטרייסלט פון זיך דאָס גראָז, אָנגעטאָן די שיך און אריין אין אונדזער נייער היים.

אַרום אונדז האָבן מאַרשירט קאָלאָנען פון טויזנ־טער. ביז צום האָריזאָנט איז געשטאַנען אַ זאַמדיקער שטויב, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן איבער די קאָלאָנען, וואָס האָבן מאַרשירט אין אַלערליי ריכטונגען. איין קאָ־לאָנע האָט דורכגעקרייצט די צווייטע. מיר האָבן זיך לאַנגזאַם אַרומגעקוקט אַרום זיך, גענומען אויספרעגן פאַרבייגייענדיקע פאַרשוינען, ווו מיר געפינען זיך און ווער זענען דאָס די טויזנטער, וואָס דרייען זיך אַרום ווי אין אַ קאַדריל, זינגען, טומלען און שרייען ביז אין הימל אַריין. מיר זענען אָנגעקומען אין אַ דורכ־גאַנגס-לאַגער. אַ נייע נאָך-מלחמה באַשעפעניש. דורך דעם לאַגער קערן זיך אום אַהיים דעפּאָרטירטע קריגס־

געפֿאַנגענע, געוועזענע צוואַנגס־אַרבעטער און אַנדערע פֿאַרוואַלגערטע מענטשן. דאָ פֿאַרברענגען זיי אַ טאָג־צוויי און רוקן ווייטער.

דער מענטשן־שטראָם האָט אונדז אַריינגעשוווענקט אין אַ באַראַק מיט נאַרעס פֿון ברעטער פֿול מיט געוואַלדן, קללות און זידלערייען, נעבן אַריינגאַנג אין באַראַק שטייט אַ גרויסע פֿאַס, נעבן דער פֿאַס — אַ הויכער ווילדער זשלאָב, וואָס טיילט די זופּ. אין דער ריי שטופּט איינער דעם צווייטן, מען שלאָגט זיך און מען רייסט אַרויס דאָס שיסעלע איינער פֿון צווייטן. ווילדע פּנימער, גזלנישע אויגן, אייזערנע פֿויסטן. אַלץ מישט זיך צונויף צוזאַמען אין איין גרויסן ווירוואַר און אין איין ווילדן כאַאָס. מיר איז געווען קלאָר אַז צו דער זופּקע וועל איך זיך נישט דערשלאָגן. איך בין צוריק אַנטלאָפֿן צו זיך אין באַראַקל, זיך פֿאַרגראָבן אין אַווינקל, אויפֿגעגעסן דעם אַמעריקאַנער ביסקוויט, וואָס איז מיר נאָך געבליבן און מורא געהאַט אַרויסצוקוקן אין דעם אַרומיקן גיהנום.

יעדן טאָג זענען טויזנטער אַריין און טויזנטער אַרויס. עס איז נישט געווען ווו צו זיצן און ווו דעם קאָפּ רויִק אַוועקצולייגן. לאַנגזאַם, בלית ברירה, האָב איך זיך אָנגעהויבן צופּאַסן צו מיין נייער היים. איך האָב געפֿונען אַ שטעגל, דורך די פֿעלדער, וואָס האָבן זיך אויסגעשפּרייט אַרום דעם לאַגער, און אַראָפּ צום ברעג פֿון דעם טייך. דאָרט, ביים שטילן וואַסער, גע־

זעסן, זיך געוואַרעמט אין דער זון, וואָס ווייטער פון דעם ווילדן געפּילדער.

דער לאַגער איז געווען באַוואַכט דורך מיליטער און אַרויסגיין פון דער באַוואַכטער זאָנע איז געווען פאַרבאָטן. פון ווייטן, ביים ברעג פון דוניי, האָב איך דערזען אַ הויז און אויפן באַלקאָן פון דעם הויז זענען געזעסן האַלב־נאַקעטע אַמעריקאַנער זעלנער, געטרונקען ביר, געלאַכט אויף אַ קול און געברענט זיך אויף דער זון. מיט אַ מאָל האָט מיר עפּעס אַ טיאַכקע געטאָן אין האַרצן, אַ געפיל פון קנאה. אָט דאָ נישט ווייט פון אונדז איז אַזוי רויִק, פריי, זוניק, אַזוי נאָענט מיט דער האַנט צו דערלאַנגען, און דאָך אַזוי ווייט פון יענעם באַלקאָן פון וואַנעט עס הילכט צו מיר אַזאַ פרייער מענטשלעכער געלעכטער. ווער עס איז געשטאַנען אָט אַזוי נאָענט צווישן די צוויי וועלטן וועט אפשר בעסער פאַרשטיין דעם תהום. מיר זענען געווען פריי און נישט פריי, ווייל צווישן דער באַפרייונג און אמתער פרייהייט איז נאָך געלעגן אַ ווייטער וועג. אפשר טאָר מען נישט מיט אַ מאָל אַרויס פון דער טיפער פינצטערניש אין אַ העל זוניקער וועלט. מען קען בלינד ווערן פון דעם שנעלן איבערגאַנג. דער גורל האָט געוואָלט אַז דער איבערגאַנג זאָל זיין אַ לאַנגזאַמער, כדי מיר זאָלן פּאַמעלעך זיך צופּאַסן צום ליכט פון דער פרייהייט. מיר האָבן זיך נאָך אַלץ באַוועגט אין רייען, געגאַנגען ווו מען האָט געהייסן, גע־

געסן וואָס מען האָט געגעבן און געגאַנגען שלאָפן ווען מען האָט געטריבן.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט מען אונדז אויסגעשטעלט אין רייען און געפירט באַרג־אַראָפּ, צו דער באַן־סטאַנציע. אין די וואַגאָנעס האָט מען זיך צוזאַמענגעפרעסט ווי בהמות, זיך אויסגעזעצט אויף די דעכער, געהאָנגען אויף די טירן, זיך געשטופּט און געריסן פאַר אַ שטיקל אָרט. איך און מיין חבר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף די בופערס צווישן די וואַגאָנעס און איינער האָט געבעטן דעם צווייטן אויפפּאַסן נישט איינצושלאָפן.

מיר זענען אָנגעקומען אויף אַ קליינער באַן־סטאַציע אין אַן אונגאַריש שטעטל. די מאַסע האָט זיך אַרויסגעשאָטן פון די וואַגאָנעס, ווידער אויסגעשטעלט אין ריי און אַריינמאַרשירט אין שטעטל. מיר זענען שטיין געבליבן אויף אַ רונדן גרויסן פּלאַץ, פון וועלכן עס האָבן אויסגעשטראַלט גאַסן, וואָס האָבן אַרויסגעפירט אין די ברייטע פעלדער. די גאַסן זענען געווען אָנגעשטאָפּט מיט מענטשן, ווי אויף אַ גרויסן יריד, און אין דער לופט איז געשטאַנען אַ כסדרדיקער געפילדער פון פרויען און מענער. דאָ איז שוין מער קיין פּלאַץ נישט געווען פאַר אונדז, אַלץ פאַרשטאָפּט מיט מענטשן און מיר מוזן מאַרשירן ווייטער, זוכן אַן אַנדער אזיל. מיר זענען אַרוים אַ פּאָר קילאָמעטער הינטערן שטעטל און אַריין אין אַ רויִקן אונגאַרישן דאָרף. פון ביידע זייטן וועג זענען געלעגן רויִקע פּויע־

רישע הייזלעך מיט גרינע גאָרטנס און געלע בלומען. דער זעלנער וואָס האָט אונדז באַגלייט האָט אונדז פאַרטיילט צווישן די אָרטיקע פויערים. פאַרבייגיי־ענדיק אַ הויז, האָט ער אַריינגעטריבן צוויי, ווידער אַ הויז — ווידער צוויי. אַזוי האָט זיך לאַנגזאַם צע־טיילט אונדזער קאָלאָנע.

איך און מיין חבר דער כירורג זענען אַריינגעפאַלן צו אַ רויִק פּאַרפאָלק, וואָס האָט אונדז פריינדלעך אויפגענומען, געגעבן אַ וואַרעמע זופּקע און אָנגעוויזן אויף אַן אָרט אין אַ שייער, ווו עס האָט געשמעקט מיט פרישע היי — דאָרטן וועלן מיר שלאָפן. מיר האָבן זיך אַרומגעקוקט אַרום זיך און עס האָט אויס־געזען, אַז סוף כל סוף אָט דאָ וועלן מיר זיך אַביסל קענען אויסרוען. מיר זענען געווען זייער מיד פון וואַלגערן זיך, נישט אויסגעשלאָפן און אַלע גלידער האָבן ווי געטאָן פון טרייסלען זיך אין די לאַסט־וואַגאָנעס. ווי אַלע מאָל, נאָך שווערע טעג פון אומ־זיכטלאָזיקייט, פאַרלאָרנקייט, זעלישער און קערפּער־לעכער שפּאַנונג, קומט די מינוט פון דערלייזונג. מיט אַ מאָל גיט ווידער אַ שיין די זון און שוין האָסטו פאַרגעסן די אַלע שלאָפלאָזע נעכט, דעם ווילדן גע־פּילדער, די פיזישע מידקייט און עס איז דיר ווידער ווויל און גוט. דאָ, אויפן שמעקעדיקן היי, האָבן מיר אויסגעטאָן די שיך, זיך אויסגעצויגן און געשלונגען די זאַטע און רויִקע מינוטן. אין דעם פאַרוואָרפענעם אונגאַרישן דאָרף האָבן מיר שוין ווידער פאַרגעסן

וו־הין מיר פאָרן. אויף אַ לאַנגן, שווערן וועג שטעלסטו זיך אַוועק נעענטערע צילן פאַר זיך און דו פאַרגעסט דיין ענדציל. היינט האָבן מיר אונדזער ציל דערגרייכט. מיר ליגן זאַטע און רוען זיך אויס אויף אַ ווייכער פּערינע פון פרישׂ היי.

מיר האָבן פון גאָרנישט געטראַכט און פון גאָרנישט געחלומט. דאָ אין שייער האָבן מיר זיך אויסגעבויט אונדזער נייע היים. אַן אינדזל אויף וועלכן עס האָט זיך געוואָלט נאָר רוען, אָפּעסן גוט, זיך אויסשלאָפן און ווידער רוען.

נישט לאַנג אָבער האָט געדויערט אונדזער גליק. עס איז פאַרלאָפן אַ טאָג און אַ נאַכט און מיט אַ מאָל האָבן מיר דערהערט אַ קלאַפּן פון פערדישע קאָפּי־טעס און אַ גערויש פון רעדער. נעבן אונדזער הויז האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ בריטשקע איינגעשפּאַנט אין צוויי פערד און פון בריטשקע איז אַראָפּגעשפּרונגען אַ פרוי, אַן אָפיציר. זי האָט אויסגעזען אַ יאָר צוויי־דריי און צוואַנציק, בלאָנד, שטראַם און ענערגיש און מיט שנעלע טריט אַריין צו אונדז אין הויז אַריין. מיר זענען ביידע געזעסן אַן שיך און זיך געקוויקט מיט טיי, מיט וועלכער די באַלעבאָסטע האָט אונדז מכבד געווען. זי איז אַריין מיט אַ פעסטן טראַט, זיך אַוועק־געשטעלט אַקעגן אונדז און געפרעגט: „ווער איז דאָ דער פרויען־דאָקטאָר צווישן אייך?" מיין חבר, גאָר נישט מיינענדיק, האָט אָנגעוויזן אויף מיר. באַלד האָט זי זיך געווענדעט צו מיר און מיט אַ באַפעלע־

רישן טאָן געמאָלדן: „דו גייסט מיט מיט מיר״. איך האָב זיך דערשראָקן און אינסטינקטיוו געפרעגט ווּ צו גיין? „מיט מיר אין לאַגער אַריין״ — האָט זי געענטפערט. „וועלכן לאַגער, — פרעג איך זי — מיר שלעפּן זיך שוין צוויי וואָכן פון איין אָרט צום צווייטן. איך בין אויסגעמאַטערט, נישט געגעסן און נישט געשלאָפן, לאָז מיך בלייבן דאָ״. איך האָב זיך אָנגעהויבן בעטן ביי איר: „לאָז מיר אָפּ, איך וויל בלייבן דאָ און דאַרף זיך אַביסל אויסרוען״. „איך דאַרף דיך האָבן — זאָגט זי — מיין גינעקאָלאָג האָט מען אַרעסטירט פאַר אַרויסגעבן פאַלשע דאָקומענטן, איך בין געבליבן אָן אַ פרויען־דאָקטאָר און דו מוזט מיט־פאָרן מיט מיר״.

ס׳איז געווען אַ באַפעל און זיך ווערן האָט קיין זין נישט געהאַט. איך האָב גענומען מיין פּעקל, מיין זייטן־טאַש מיט די מעדיקאַמענטן, זיך געזעגנט מיטן כירורג און זיך אַרויפגעזעצט מיט איר אויף דער בריטש־קע און איך טרייסל זיך שוין ווייטער אין אומבאַקאַנטן. אונטערוועגנס האָט זי מיר דערקלערט ווער זי איז און וואָס וועט זיין מיין אַרבעט. זי איז דער פאַראַנטוואָרט־לעכער קאָמענדאַנט פאַר אַלע מעדיציניש־סאַניטאַרע ענינים פון דעם רעגיאָן. דאָס שטעטל איז אַ טראַנזיט־לאַגער, ווּ עס האָבן זיך פאַרזאַמלט דרייסיק טויזנט מענער און פרויען, געוועזענע צוואַנגס־אַרבעטער אין דייטשלאַנד און עסטרייך. זיי אַלעמען דאַרף מען געבן מעדיצינישע הילף, אונטערזוכן, היילן, סאָרטירן און

שיקן אַהיים. די פליכט פון אַ פרויען־דאָקטאָר איז זייער אַ פאַראַנטוואָרטלעכע און וויכטיקע פאַר דעם פאָטער־לאַנד.

די פּאָר קילאָמעטער וואָס מיר זענען געפאָרן צו־זאַמען האָט זי נישט אויפגעהערט צו רעדן און שיטן מיט אויסגעדראָשענע פראַזן און פאַטריאָטישע לאָזונ־גען: אונדזער העלדישע רויטע אַרמיי האָט צעשמעטערט די פאַשיסטישע באַנדעס, אָבער ביז איצט דרייען זיך נאָך אַרום שפּיאָנען און דיווערסאַנטן, וועלכע האָבן מיטגעאַרבעט מיט די פאַשיסטן. די פרויען, וואָס קערן זיך אום אַהיים, מוז מען אונטערזוכן. צווישן זיי דרייען זיך אַרום אַ סך שוואַנגערע און אַ סך ווענעריש־קראַנקע. אויב אַ פרוי איז שוואַנגער מער ווי 4 מאָנאַט, ד. ה. זי האָט פאַרשוואַנגערט פאַר דעם ווי דער קריג האָט זיך געענדיקט, מיינט עס, אַז זי האָט פאַרשוואַנגערט פון אַ שונא — אַ דייטש. די בלייבן דערווייל דאָ. די ווע־נעריש־קראַנקע מוז מען איזאָלירן, כדי אָפּצוהיטן אונ־דזערע העלדישע זעלנער פון ווענערישע קראַנקהייטן. אַזוי האָט זי מיר שוין אונטערוועגס צוגעגרייט צו מיין וויכטיקער מעדיצינישער אַרבעט.

— פאַר וואָס האָט מען אַרעסטירט דעם גינעקאָ־לאָג, — האָב איך זי אַ פרעג געטאָן. זי האָט אַ ווײַלע געשוויגן.

— אַז דו וועסט צוטרעטן צו דער אַרבעט — האָט זי געזאָגט, — וועסטו שוין אַליין פאַרשטיין וואָס פאַראַ פאַרברעכנס דער דאָקטאָר איז באַגאַנגען.

איך האָב נאָך ריכטיק נישט פאַרשטאַנען ווי און ווי אַזוי איך וועל אַרבעטן און ווער וועלן זיין מיינע פּאַציענטן, אָבער איין זאַך האָב איך שוין געוווּסט, אַז במקום צו פאָרן אַהין — פאָר איך צוריק. זיצנדיק אויף דער בריטשקע איז מיין קינדס געשטאַלט אַרומ־געשוווּמען ווי פון אַ נעפּל און אָנשטאָט זיך דערנענ־טערן צו אים, דערווייטער איך זיך פון אים ווייטער און ווייטער.

***

שוין דריי מאָנאַט ווי איך בין באַפרייט און דריי זיך נאָך אַלץ אַרום, ווי אַ געפאַנגענער טיגער אין זיין שטייג. איך בין אָפּגעשניטן פון אַלץ און אַלעמען. נישטאָ ביי וועמען צו פרעגן, נישטאָ ווו צו זוכן און טריבע מחשבות איבערן גורל פון פרוי און קינד האָבן מיך באַגלייט ביז אין שטעטל אַריין. די פערד האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ קליין הייזל מיט אַ גאַניק. דאָס איז געווען די פּאָליקליניק פון ראַיאָן. מיין קאָ־מענדאַנט האָט מיך אַריינגעבעטן אין אַ קליין צימער אויף אַ געשפּרעך. אין צימער, ביי אַ שרייבטיש, זע־נען געזעסן צוויי דיקע פרויען אין מיליטער־אוניפאָרמס. זייערע גרויסע בוזימס זענען געהאָנגען אין זייערע מי־ליטער־בלוזעס און כמעט ווי אויסגעלייגט זיך אויפן טיש. זיי האָבן מיר גענומען שטעלן פראַגן, קורץ, האַרט און אומפריינדלעך. ווער בין איך, פון וואַנען קום איך און ווי לאַנג בין איך געווען מיט די דייטשן. מיין ענטפער איז געווען, אַז איך בין פיר יאָר געווען

ביי היטלערן, זיך באַפרייט אין דאַכאַו און פאָר אַהיים זוכן מיין משפחה.

אויף דעם ענטפער האָט איינע פון זיי מיר שאַרף אַריינגעקוקט אין די אויגן און אַ פרעג געטאָן:

— ווי אַזוי ביסטו לעבן געבליבן ווען אַזוי פיל זענען אומגעקומען פון דיינע ברידער? מסתמא האָסטו מיטגעאַרבעט מיט די פאַשיסטן?

אויף דער פראַגע האָב איך איר נישט געענטפערט. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר מיט אַ פּאָר קאַלטע אויגן, איך אויף איר מיט דערשטוינונג און מיט דעם האָט זיך אונדזער געשפרעך געענדיקט. איינע פון זיי איז געווען אַ דאָקטאָר, די צווייטע דער משגיח אויף כשרות...

אַז איך בין אַרויס פון פאַרהער האָב איך נאָך ווייניקער פאַרשטאַנען וואָס וויל מען פון מיר דאָ. אַזוי זיצנדיק פאַרטראַכט זע איך ווי אַן אָפיציר שאַרט זיך צו צו מיר נענטער, קוקט אויף מיין זייטן-טאַרבע, וועלכע איז געווען באַמאָלט מיט אַ רויטן קרייץ. ער רוקט זיך צו נאָך נענטער, ווינקט צו מיר מיט איין אויג און פרעגט מיך שטילערהייט צי האָב איך וועלכע מעדיקאַמענטן. אויף מיין ענטפער: „יע; איך האָב אַביסל מעדיקאַמענטן מיט זיך", האָט ער זיך באַלד צוגערוקט נאָך נענטער און מיט אַ גליקלעך פנים געפרעגט, צי איך האָב סולפאַ-טאַבלעטן.

— יע, — זאָג איך — איך האָב אַ ביסל סולפאַ-טאַבלעטן.

— וואָס ווילסטו פאַר זיי? וואָס דו ווילסט וועסטו באַקומען, איך האָב אַלץ וואָס דו ווילסט, ווורשט, שאָקאָלאַד, בראָנפן, סיגאַרעטן. מיט אַלץ בין איך גרייט צו באַצאָלן.

ער איז שוין געווען אַ חבר מיט מיר און זיך געווענדעט צו מיר ווי צו אַן אַלטן נאָענטן פריינד. איך האָב גאָרנישט פאַרשטאַנען צו וואָס ער האָט אַזוי נויטיק סולפּא און וואָס איז ער אַזוי אויפגערעגט גליקלעך. אויסער סיגאַרעטן, זאָג איך צו אים, דאַרף איך קיין זאַך נישט. איך האָב שוין עטלעכע טעג נישט גערויכערט, געלט צום קויפן האָב איך נישט, דעריבער אויב ער וועט מיר געבן אַ פּאָר פּעקלעך סיגאַרעטן, וועט ער באַקומען די טאַבלעטן. ער האָט מיך געבעטן איך זאָל מיטפאָרן מיט אים אין זיין דירה און איך וועל באַקומען סיגאַרעטן וויפל איך וויל. ווען איך האָב אים פאָרגעשלאָגן ער זאָל פאָרן אַליין און איך וועל אויף אים וואַרטן, האָט ער געזאָגט ניין, ניין, איך מוז פאָרן מיט אים צוזאַמען. ער האָט מורא געהאַט ער וועט מיך פאַרלירן צוזאַמען מיט די טאַבלעטן.

פאָרנדיק האָט ער מיר אַריינגערוימט אַ סוד אין אויער, אַז ער האָט געכאַפּט אַ טריפּער ביי איינער פון די קורוועס, וואָס זיצן דאָ אין טראַנזיט-לאַגער און די טאַבלעטן זענען פאַר אים אַ לעבנס-פראַגע.

— פאַר וואָס באַקומסטו נישט די טאַבלעטן פון דיין מיליטער-דאָקטאָר? — האָב איך אים געפרעגט.

אויף דער פֿראַגע מײַנער האָט ער זיך צעלאַכט און געפֿרעגט פֿון וואַנען קום איך, אַז איך ווייס גאָר־נישט וואָס דאָס הייסט כאַפּן אַ טריפּער אין דער רויטער אַרמיי. מען נעמט פֿון אים אַוועק זײַן אָפֿיצירן־ראַנגע און מען שיקט אים באַלד אין אַ שטראָף־באַטאַליאָן.

דעריבער האָבן זיי מורא צו גיין צו זייער דאָקטאָר, ער ווייס אַז סולפֿא העלפֿט און דעריבער זוכט ער סולפֿא אויף אַלע שוואַרצע וועגן. איך האָב אים געראַטעוועט מיט מײַנע טאַבלעטן און ער האָט מיך פֿאַרשאָטן מיט סיגאַרעטן.

איך בין געקומען צוריק אין דער אַמבולאַטאָריע, ווי דאָס בלאָנדע מיידל, מײַן קאָמענדאַנט, האָט זיך אַרומגעדרייט פֿאַרשמייעט פֿון איין צימער אין צווייטן. זי האָט זיך, זעט זיך אָן, גאָר פֿאַרגעסן, אַז זי האָט געבראַכט צו זיך אַ גינעקאָלאָג. איך בין צוגעגאַנגען צו איר, דערמאָנט אָן זיך און איר געפֿרעגט ווען וועל איך אָנהויבן אַרבעטן, ווו איז מײַן אונטערזוכונגס־צימער, אינסטרומענטן, הענטשקעס און ווו מיינט זי וועל איך קענען שלאָפֿן.

פֿון אָנהויב האָט זי זיך אַרויסגעדרייט פֿון יעדן ענטפֿער און געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז זי איז פֿאַרנומען יעצט מיט וויכטיקערע ענינים. שפּעטער האָט זי זיך אויף אַ מינוט אָפּגעשטעלט נעבן מיר און געזאָגט:

„היינט ווערסטו שלאָפן אין אַמבולאַטאָריע אויפן באַנק און מאָרגן ווערסטו זיך זוכן אַ בעטל. מאָרגן פרי — האָט זי געזאָגט — וועט זי מיך אַריינפירן אין דער אַרבעט און אַלץ דערקלערן ווי און וואָס.״

איך בין אַרויס אין גאַס און גענומען שמועסן מיט די איינוווינער פון דעם טראַנזיט־לאַגער און עס איז מיר געוואָרן קלאָר, אַז איך זיץ דאָ טיף, טיף אין אַ זומפּ. דאָ האָט מען צוזאַמענגעטריבן רעפּאַטריאַנטן, וואָס האָבן יאָרן פאַרבראַכט אין כלערליי אַרבעטס־לאַגערן, ביי דייטשע פּויערים און אין פאַבריקן. זיי זענען געווען צעריבן און צעמאָלן דורך דער מלחמה־מיל, דעגענערירט און דעמאָראַליזירט. אויסערלעך האָבן זיי אויסגעזען ווי מענטשן, אָבער אָן יעדן מענטשלעכן אָנבליק. פון זייערע אויגן האָט נאָך אַרויסגעקוקט אַ ווילדע שרעק פון אַ פאַריאָגטער חיה. יעדער פון זיי איז אַרויס פון זיין אָרעמען דאָרף אין רוסלאַנד און מיט געוואַלד האָט די מלחמה אים אַרויסגעריסן פון זיין סביבה און אַריינגעשליידערט אין גאָר אַ פרעמדער וועלט. און כאָטש ער איז געווען אַ קנעכט ביי דעם „ערנפאָלק״, איז פאַר זיי די נייע וועלט געווען אויסטערליש און אַנדערש, ווי זייער פאָטערלאַנד, פול מיט ווילטאָג און באַקוועמלעכקייט. זיי האָבן געלעבט ביי דייטשע און עסטרייכישע פּויערים, אויף די מאַנסאַרדעס ווי דינסטמוידן לעבן, און דאָס קליינע צימערל מיט אַ זויבער בעט און אַביסל מעבל, האָט אויסגעזען אין זייערע אויגן ווי אַ פּאַלאַץ.

אַז מען האָט זיי צוזאַמענגענומען פון אַלע עקן וועלט, כדי זיי צו פירן אַהיים, האָבן זיי מיטגענומען מיט זיך פּעק מיט קליידער, וועש און אַנדערע לוקסוס־טראַפּעען, וואָס זיי האָבן אין זייער היים אין חלום נישט געזען. די פרויען זענען געוואָרן ווילד, אומגעצוימט, פאַרדאָרבן, און געזידלט זיך מיט די זעלבע קללות ווי די מענער. די מענער אין לאַגער זענען געווען אויסגעהונגערט נאָך אַ פרוי און זענען נישט געווען קלייבעריש. אין לאַגער איז נישט געווען קיין צימערן, דירות, בעטלעך, די גאַנצע מאַסע מענער און פרויען האָבן זיך אויסגעמישט אין איין גרויסן באַרדעל. די זעלנער, וועלכע האָבן פאַרוואַלטעט און געהיט דעם לאַגער, האָבן זיך אויך אַרויפגעוואָרפן אויף די פרויען. זיי זענען נישט געווינט געווען צו אַזוינע וועש און קליידלעך, און ווי הונגעריקע וועלף זענען זיי משוגע געוואָרן, ווען זיי האָבן געגלעט די זיידענע זאַכן. דאָס גלאַטע זייד־געפיל, וואָס זיי האָבן קיין מאָל נישט געטאַפּט מיט זייערע פינגער, האָט אין זיי דערוועקט נישט־געוווינטע איבערלעבונגען און גאָר ווילדע אינסטינקטן. דער רוסישער זעלנער, ביז ער איז געקומען אין אייראָפּע, איז נישט געווינט געווען צו אַזוינע קליידער, וועש און זאַכן. די בוזימס און היפּטן, וואָס האָבן זיך געוויגט אונטער די בלוזעס און קליידלעך, האָבן זיי געמאַכט משוגע און אין לאַגער האָט געבושעוועט אַן אומאויפהערלעכע אָרגיע.

איך בין געשלאָפן אויף אַ האַרטער באַנק אין

אַמבולאַטאָריע און אויף מאָרגן האָט מיך דער קאָמענ־דאַנט אַריינגעפירט אין אַ צימער, ווו ס׳איז געשטאַ־נען אַ גינעקאָלאָגישער אונטערזוכונגס־טיש. זי האָט מיר צוגעטיילט איין אונטערזוכונגס־הענטשקע און איין אינסטרומענט. איך האָב זיך אַביסל פאַרוווּנדערט און געזאָגט:

— ווי קען איך מיט איין אונטערזוכונגס־הענטשקע אונטערזוכן אַזוי פיל פרויען?

— מער האָב איך נישט — האָט זי געענטפערט, און זי גלויבט אַז איך וועל שוין מאַכן מיין אַרבעט מיט דעם וואָס איך האָב. דרך אגב, האָט זי מיר געמאָלדן, אַז מיין נאָרמע איז צו אונטערזוכן 300 פרויען אַ טאָג: מיר האָבן דאָ אין לאָגער אַרום 20 טויזנט פרויען, אַלע מוזן דורכגיין די אונטערזוכונג און באַ־קומען פון מיר אַ באַשטעטיקונג, אַז זיי זענען גע־זונט, האָבן נישט קיין ווענערישע קראַנקייטן און זענען שוואַנגער נישט מער ווי 4 מאָנאַט. אַז איך האָב דערהערט, אַז מיין נאָרמע איז 300 פרויען אַ טאָג, האָב איך ברייט געעפנט די אויגן פון דערשטוי־נונג און איר גלייך געמאָלדן, אַז דאָס איז אוממעגלעך, איך וועל נישט האָבן גענוג צייט צו נעמען די אונטער־זוכונג וואָס זי פאָדערט, כ׳האָב נישט גענוג אינס־טרומענטן און אַנדערע הילפס־מיטלען, כדי גענוי צו אונטערזוכן און געבן אַ ריכטיקן ענטפער. עס איז אומ־מעגלעך, האָב איך איבערגעחזרט, און איך האָב מורא, אַז איך וועל האָבן דעם זעלבן סוף, וואָס עס האָט

געהאַט מיין פאַרגעגנער, דער גינעקאָלאָג וואָס זיצט אין טורמע. אויף דעם האָט זי געענטפערט:

— „ניטשעוואָ" — ס'איז גאָרנישט, דו וועסט דאָס שוין שאַפן און אַליץ וועט זיין אין אָרדנונג.

— מאָרגן — האָב איך געזאָגט — מוז איך זוכן פאַר זיך אַ בעטל ווו דעם קאָפּ אוועקצולייגן און נאָר דאַן וועל איך אָנהויבן מיין אַרבעט.

— גוט — האָט זי געזאָגט — מסכים.

הילפסלאָז און פאַרלאָרן בין איך אַרויס אין גאַס זוכן אַ בעטל, ווו איך זאָל קענען אַוועקלייגן מיינע מידע ביינער. ווו צו זוכן האָב איך נישט געוווּסט. איך האָב מורא געהאַט פאַר יעדן פרעמדן בליק און גע־שאַרט זיך ביי די ווענט, כדי נישט־ווילנדיק צו פאַר־טשעפּען וועמען. יעדער הויף, טרעפּ, בוידעם, אַליץ איז געווען פול מיט פּעקלעך און מענטשלעכע קערפּערס. איך פלעג עפענען אַ טיר און פאַרמאַכן, אַרויפגיין אויף אַ טרעפּ און אַנטלויפן. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך טרעט אויף אַ זומפּיקן באָדן און עס וועט זיין שווער אַוועקצושטעלן אַ פוס און נישט איינצוזינקען. ווי אַ פאַרלאָרענער אין אַ דזשונגל האָב איך געבלאָנ־דזשעט פון הויז צו הויז, געפרעגט אפשר איז פריי אַ בעטל און פון יעדער טיר געהערט, ניין, ניין, נישטאָ קיין פריי ווינקל דאָ.

זיך אַזוי אַרומדרייענדיק אין איינעם פון די הויפן, האָב איך מיט אַ מאָל זיך געטראָפן מיט אַ בליק פון אַ מענטשן, וואָס האָט געקוקט אויף מיר מיט ווייכע,

פריינדלעכע אויגן. דער מענטש, וואָס איז געשטאַנען אַנטקעגן מיר, איז געווען מאָגער, בלאַס, מיט טיפע אויגן און איידעלע געזיכט־שטריכן פון אַן אויסגע־מאַטערטן אינטעליגענט. ער האָט אויסגעזען גאָר אַנ־דערש, ווי די אַלע וואָס איך האָב געטראָפן, דער איינציקער מענטש אין דער ווילדערניש. אונדזערע בליקן האָבן זיך געטראָפן און גלייך האָט אַ וואַרעמע כוואַליע אַ שטראָם געטאָן צווישן אונדזביידן... מיט אַ ציטריק שטילער שטים האָט ער מיך אַ פרעג געטאָן:

— אַ ייד?

— אַ ייד — האָב איך געענטפערט. — און ווער זייט איר?

— אויך אַ ייד — זאָגט ער.

מיר האָבן זיך נעענטער צוגעטוליעט איינער צום צווייטן, אריינגעקראָכן אין אַן אָפּגעלעגענעם ווינקל אונטער אַ דעכל, און באַלד געעפנט די הערצער.

איך האָב אים דערציילט פון זיך און ווי איך בין פאַרוואָגלט געוואָרן דאָ, אין דעם טראַנזיט־לאַגער, לעבן געבליבן, זיך באַפרייט פון היטלערס לאַגערן און איצט בין איך ווידער אַריינגעפאַלן אין אַ לאַגער. איך לויף זוכן מיין פרוי און קינד און געבליבן שטעקן דאָ, ווייט פון פריינד און זייער ווייט פון מיין קינד, וועל־כער דאַרף מיך אַזוי נויטיק האָבן. איך האָב זיך צו־גערוקט נאָך נעענטער צו אים און אים אַריינגערוימט אַ סוד, קיינער זאָל נישט הערן, אַז איך האָב נאָך נישט

געזען אַזוי פיל ווילדע מענטשן צוזאַמען. ס'איז מיר זייער שלעכט, איך בין דאָ איינזאַם און פאַרצווייפלט, זיך באַפרייט פון היטלערן און ביך נאָך אַלץ נישט פריי. איך האָב נישט אויפגעהערט אויסצוגיסן פאַר אים אַלץ, וואָס האָט זיך אין מיר אָנגעקליבן פאַר די לעצטע פאַר וואָכן. דער ייד האָט זיך איינגעקאָר־טשעט, געוואָרן נאָך קלענער ווי ער איז געווען און מיט אַ טיפן מיטגעפיל אין די אויגן האָט ער איינ־געשלונגען יעדעס וואָרט. ער איז געווען דער ערש־טער מענטש, וואָס האָט אויפגעעפנט פאַר מיר אַ פּאָר אויערן און מיט אַ באַזונדערער איידלקייט מיך אויס־געהערט, געטרייסט און באַרויִקט. פון אים האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ביז היטלערן איז דאָ געווען אַ יידיש שטעטל, מיט אַ קהילה פון אַ דריי הונדערט משפחות, מיט שולן, בתי־מדרשים און אַ רייך יידיש קולטור־לעבן. איצט זענען זיי פון דער גאַנצער קהילה געבליבן 17 יידן — 16 מענער און איין פרוי. זיי האָבן אַלע צוזאַמען געעפנט אַ קליין קרעמל, לעבן אַלע ווי איין משפחה, און זיצן און וואַרטן אויף זייערע פרויען און קינדער. זיי באַווייזן זיך ווייניק אין די גאַסן און זיי מישן זיך נישט אויס מיט די אַנדערע. דאָ, אין זייער שטעטל, זענען זיי די פרעמדע און געהערן נישט צום לאַגער. דאָס איינציקע זיבעצן־יאָריק מיידל, וואָס האָט זיך צוריקגעקערט פון אוישוויץ, קאָכט פאַר זיי, זאָרגט פאַר זיי און פירט זייער גאַנצע בעל־הביתישקייט. ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז ער וועט דערציילן וועגן

מיר זיינע חברים און זיי וועלן שוין זאָרגן איך זאָל האָבן ווו צו שלאָפן.

מיר זענעןביידע אַרויס פון אונדזער באַהעלטע־ניש, וואָס אונטער דעם דעקל און מיטן פינגער האָט ער אָנגעוויזן, פון ווייטן, אויף דעם הויז, ווו זיי די אַלע יידן לעבן. ער האָט מיך געבעטן, אַז אין אָוונט, ווען קיינער וועט נישט זען, זאָל איך זיך אַריינכאַפּן צו זיי און זיי וועלן שוין זאָרגן פאַר מיר. מיר זענען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען ווי צוויי נאָענטע פריינד. מיט אַ מאָל, האָב איך זיך דערפילט זיכערער. די באַגעגעניש האָט מיך אַרויסגעריסן פון מיין אַרומי־קער סביבה, עס איז מיר געוואָרן גוט, איך האָב זיך ווידער געפונען צווישן מענטשן.

אַ גאַנצן טאָג האָב איך זיך געפרייט מיט דער צופעליקער באַגעגעניש. אין אָוונט, קיינער זאָל נישט זען, האָב איך געפונען דאָס הויז, געעפנט די טיר, און זיך אַריינגעגנבעט אינעווייניק. אין אַ גרויס צי־מער זענען געזעסן יידן און רויִק געשמועסט צווישן זיך. דער אויסגעבלאַסטער ייד, וואָס איך האָב געטראָפן אין דער פרי, האָט זיך גלייך אויפגעהויבן, מיר אַריינ־גערוקט אַ שלום־עליכם און מיך פאָרגעשטעלט פאַר זיינע חברים, אַז דאָס איז דער דאָקטאָר, וועגן וועל־כן ער האָט זיי שוין געהאַט דערציילט:

— זעצט זיך, טרינקט אַ גלאָז טיי און פילט זיך ווי ביי זיך אין דער היים — האָט ער געזאָגט.

דאָס צימער, דאָס מעבל, אַלטע בילדער און פאָרט־

רעטן פון משפּחות און יידן מיט בערד, דאָס אַלץ האָט אַ ווייע געטאָן מיט זכרונות און וואַרעמער היימיש־קייט. כ׳האָב זיך מיט אַ מאָל דערפילט ווייט, ווייט פון מיין טאָג־לעבן, פון מיינע פליכטן וואָס מען האָט אַרויפגעלייגט אויף מיין רוקן און פון די אַלע טויזנטער פּרעמדע, וואָס האָבן זיך אַרומגעדרייט אַרום מיר.

זיי האָבן מיך פאַרוואָרפן מיט פראַגן, ווו בין איך געוועןן ביז איצט, וואָס איז מיין ציל און ווי אַזוי בין איך דערגאַנגען אַהער. איך בין געוועןן גליקלעך. וואָס איך האָב צו וועמען צו רעדן און זיך אַביסל אויסגעלאָדן פון מיינע זאָרגן און איבערלעבונגען. ווען איך בין אריין אין צימער, זענען זיי געזעסן יעדער באַזונדער. שפּעטער זענען מיר אַלע געזעסן אַרום אַ גרויסן טיש. איך בין געזעסן אין שפּיץ פון טיש און געלערנט מיט זיי אַ בלאַט פון יידישע צרות. איך האָב אָנגעהויבן און יעדער איינער פון זיי האָט אַרויפגעלייגט זיינע איבערלעבונגען און זיין טרויער.

פאַר דער מלחמה זענען זיי געוועןן סוחרים, בעל־מלאכות און סתם פרומע יידן. זייער אַרט באַנעמונג, זייערע פּנימער, אַפילו זייערע קליידער, האָבן מיר דערמאָנט די יידן פון מיין שטעטל, וועלכע האָבן געלערנט משניות, שולחן־ערוך און אַ בלאַט גמרא. איינער, אַ הויכער ייד מיט אַ רויט פּנים, וואַסערדיקע אויגן און דיקע האָריקע הענט, האָט מיר אויסגעזען אַ פּרעמדער אין דעם קליינעם נעסט פון תלמידי־חכמים. דער ייד איז געזעסן מיט אַן אָפן מויל און זיך צוגע־

הערט צו מיינע מעשיות. ער האָט פרייוויליק באַדינט די תלמידי־חכמים, געזאָרגט פאַר זיי, געלאָפן, איינגעקויפט, עס זאָל זיי גאָרנישט פעלן. אַז איך האָב אויפגעהערט צו דערציילן איז ער באַלד געלאָפן ברענגען אַ גלאָז טיי, זיך אַרומגעדרייט אַרום מיר און גענומען זוכן אַ בעט וווּ איך זאָל קענען איבערנעכטיקן. יעדער פון זיי האָט מיך געוואָרנט, אַז איך זאָל זיין פאָרזיכטיק, נישט דערציילן וווּ איך שלאָף, ווייל עס איז דאָ אַ באַפעל די לאַגער־בירגער זאָלן זיך נישט אויסמישן מיט דער אָרטיקער באַפעלקערונג. „מ׳קען נישט וויסן מיט וועמען מען האָט צו טאָן און מען דאַרף זיך האַלטן וואָס ווייטער פון שפּיאָנען און דיווערסאַנטן״.

אין צימער איז אַריין אַ מיידל מיט קורצע אָפּגעשניטענע האָר, גרויסע ברוינע אויגן, מיט אַ מילדן שעמעוודיקן שמייכל אויפן פּנים. „דאָס איז דאָס איינציקע מיידל פון אַלע אונדזערע פרויען, וואָס האָט זיך אומגעקערט פון אוישוויץ״, — האָט געזאָגט אַ ייד וואָס איז געזעסן לעבן מיר. דאָס מיידל איז געווען די מוטער, די טאָכטער און די שוועסטער פון יעדן יידן, וואָס האָט געלעבט אין דער קאָמונע. זי האָט אַלע מאָל שעמעוודיק געשוויגן און געטראָגן אין זיך די סודות פון אוישוויץ.

**
*

מיין קאָמענדאַנט, דער סאַניטאַר, איז געווען אַן ענערגיש מיידל. פון מעדיצין האָט זי קיין אַנונג נישט געהאַט. זי איז אָבער געווען אַ גוטער אָרגאַניזאַטאָר און אין יענע באַדינגונגען איז דאָס געווען וויכטיקער ווי זיין אַ גוטער דאָקטאָר. מיין אונטערזוכונגס-צימער איז געווען אָרגאַניזירט ווי אַ מיליטערישער פּונקט. ווען איך בין געקומען צום ערשטן מאָל אויף דער אַרבעט, זענען געשטאַנען אַ פּאָר הונדערט פרויען אויסגעשטעלט אין אַ ריי, וואָס האָט זיך געצויגן פון איין עק גאַס ביזן צווייטן.

אין צימער האָבן שוין געוואַרט צען מיידלעך, וואָס האָבן מיר געהאָלפן און געשטאַנען אונטער מיין באַפעל. צוויי מיידלעך האָבן געהיט די אָרדנונג פון דער לאַנגער ריי, וואָס איז געשטאַנען אין דרויסן. די פרויען זענען אַריין צו צען מיט אַמאָל און געשטאַנען ווי זעלנער אין מיין אונטערזוכונגס-צימער. איינע פון מיינע געהילפינס האָט געטריבן די פרויען שנעלער — אַרויף אויפן טיש און אַראָפּ, איין פרוי אַראָפּ, די צווייטע אַרויף. שנעלער, שנעלער האָבן זיי געמוזט זיך אויסטאָן, צוריק זיך אָנטאָן, כדי נישט צו פאַרהאַלטן די ריי. איינע איז געשטאַנען מיט אַ קרוג וואַסער און נאָך יעדער אונטערזוכונג געגאָסן וואַסער אויף מיינע רעכטער האַנט, כדי אָפּצושווענקען און זויבער מאַכן מיין איינציקע גומי-הענטשקע. נעבן מיין אונטערזוכונגס-טיש זענען געזעסן דריי מיידלעך, וואָס האָבן געשריבן די בריוו, וואָס איך האָב דיקטירט. די אַר-

בעט איז געווען „גוט אָרגאַניזירט״ און געלאָפן ווי אין אַ פאַבריק אויף אַ לויפנדיקן באַנד, מיט דער גאַנ־צער „אָרגאַניזאַציע״ און געשווינדקייט, און כאָטש איך האָב געאַרבעט פון פרימאָרגן ביז שפּעט אָוונט, האָב איך געקענט אונטערזוכן נאָר פון 200 ביז 250 פרויען, איך בין קיין מאָל נישט דערגאַנגען צו דער נאָרמע פון 300. פון דער אַרבעט פלעג איך אַרויסגיין מיד, צעטומלט מיט אַ געפיל פון עקל. די גאַסן און הייזער האָבן זיך מיר געדרייט פאַר די אויגן ווי אַ קאַרוסעל און די הונדערטער נאַקעטע פרויען זענען מיר פאַרבייגעלאָפן פאַר די אויגן ווי אין אַ ווילדן פילם. אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ.

פון מיין צוויי־מינוטיקער אונטערזוכונג האָב איך וויייניק וואָס געקענט וויסן און באַשליסן, אָבער מיין שריפטלעכע באַשטעטיקונג איז געווען אַ לעבנס־ אָדער טויט־אורטייל פאַר די פרויען. יעדע איינע וואָס איז אַרויף אויפן טיש האָט געשוויגן, אָבער מיט אירע בליקן זיך געבעטן איך זאָל באַשטעטיקן אַז אַלץ איז ביי איר אין אָרדנונג. פון איינער פון מיינע סעקרע־טאַרשעס האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דאָ אין שטעטל איז דאָ אַן איזאָלאַטאָר, וווּ די מיידלעך, וואָס זענען ווענעריש קראַנק, ווערן באַוואַכט פון באַוואָפנטע זעל־נער און זייער גורל איז נאָך אומבאַוווּסט. אויף מיין פראַגע וועלכער דאָקטאָר האָט דאָס פעסטגעשטעלט, אַז די אָדער יענע איז קראַנק, האָט זי געשמייכלט און געענטפערט, אַז נישט קיין דאָקטאָר, נאָר אַ סאָלדאַט,

אָדער אַן אָפיציר, וועלכן זי האָט פאַרשענקט דעם טריפּער, האָט זי געהיים פאַרמסרט און דאַן האָט מען זי פאַרשפּאַרט אין אַ ספּעציעלער טורמע. איך האָב עפּעס נישט געגלויבט אין דעם, און געפרעגט מיין פעלדשער, דעם קאָמענדאַנט, זי האָט באַש־טעטיקט, אַז אַ פּאָר צענדליק פרויען זענען איזאָלירט און אינטערנירט אין אַ באַזונדערער טורמע און זי ווייס נאָך נישט גענוי צי מען וועט זיי דערלויבן גיין צוריק אהיים.

אין די שעהן פון דער אַרבעט האָב איך מייסטנס געזען נאָר איילנדיקע פיגורן, וואָס זענען פאַרבייגעלאָפן מיין אונטערזוכונגס־טיש ווי אין אַן אַלטן פילם. פון צייט צו צייט האָט זיך מיין בליק געטראָפן מיט פאַר־שידענע פנימער און געשטאַלטן. יעדע איינע מיט איר פאַרגאַנגענהייט, מיט איר ווייטאָג און מיט איר אינ־דיווידועלן מלחמה־וועג. געוויינלעך איז קיין צייט נישט געווען מיט זיי צו רעדן, זיי אויספרעגן און באַראַטן. אין דער איילעניש און אין דעם געווירבל איז געווען אוממעגלעך אַריינצוקוקן אין די אויגן פון דער איינ־צלנער פרוי און אַלע זענען געוואָרן ענלעך איינע צו דער צווייטער. איך האָב קיין צייט נישט געהאַט אויפ־צוהויבן מיינע אויגן, זען זייער פנים, הערן זייער שטים און דעריבער איז מיר די אַרבעט געוואָרן אַזוי איבערדריסיק און פריקרע. כ׳האָב נאָר געזען הונדער־טער אַנטבלויזטע געשלעכט־אָרגאַנען, אָבער כמעט נישט געזען דעם מענטשלעכן אָנבליק. פון צייט צו

צייט פלעג איך אויפהויבן די אויגן, כדי דאָך צו טרע־
פן אַ מענטשלעך בליק און מיט אַמאָל דערזען אַן איידל
פנים, אַ פּאָר שוואַרצע טרויעריקע אויגן, אַ צאַרטן
בליק, אָדער אַן אויסגעמאַטערטן אויסדרוק פון גלייכ־
גילטיקייט און מידקייט. פון צייט צו צייט פלעג איך
זיך טרעפן מיט אַ בליק פון רחמים און מיט אַ גלאַנץ
אין די אויגן, וואָס האָט זיך געבעטן איך זאָל שרייבן
אַ גוט צעטל. איך בין געווען אומגליקלעך, ווען איך
האָב דערזען אַ פנים פול מיט פחד און מורא פאַרן
דאָקטאָר. יאָרן האָבן זיי פאַרבראַכט אין אַ פּערמאַנענ־
טן פחד, דער פחד איז געלעגן טיף אין זייערע ביינער
און מען האָט מורא געהאַט פאַר יעדן איינעם, אַפילו
פאַרן דאָקטאָר. די נויט און די פיינטלעכע סביבה האָט
פון זיי געמאַכט זונות. צוערשט האָבן זיי געמוזט צו־
פרידן שטעלן זייערע בעלי־בתים, ביי וועמען זיי האָבן
געאַרבעט, כדי לייכטער צו אַרבעטן און בעסער צו
לעבן. און נאָכהער האָבן זיי זיך שוין געקייקלט פון
האַנט צו האַנט. ווען זי איז נאָך געשטאַנען אין דער ריי
האָט מען שוין דערקענט די זונה, מיט איר קיילעכ־
דיק, טעמפּ געזיכט, אירע גראָבע אָנגעפאַרבענע ליפּן,
איר גלייכגילטיקער בליק, אירע באַוועגלעכע היפטן
און אירע אַרויסרופערישע קליידער. די פרויען פלעגן
שנעל אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די קליידער און מיט אַ
באַזונדער עלעגאַנץ אַרויף און אַראָפּלויפן פון אונ־
טערזוכונגס־טיש. אַז איך פלעג אַמאָל נעמען ביי זיי
אַ באַקטעריאָלאָגישן אָפּשטריך, כדי צו אונטערזוכן

אויף אַ ווענערישער קראַנקייט, פלעגן זיי מיר מיט אַ באַזונדערער גלייכגילטיקער חוצפה מעלדן: „האָסט נישט וואָס צו זוכן, דאָקטאָר, איך בין געזונט".

טאָג־איין־טאָג־אויס האָב איך אונטערזוכט מער ווי צוויי הונדערט פרויען, אונטערגעשריבן מער ווי צוויי הונדערט באַשטעטיקונגען און וואָס ווייטער, אַלץ שווערער און מיאוסער איז מיר געוואָרן דאָס לעבן דאָ. כ'האָב פאַרלאָרן יעדן זין פאַר צייט, כ'האָב געפילט אַז כ'האָב זיך פאַרפּלאָנטערט אין אַן אומענדלעכער אויס־זיכטלאָזיקייט און איך האָב לאַנגזאַם פאַרלאָרן יעדע האָפנונג אַרויסצורייסן זיך פון דעם גיהנום.

אין די אָוונטן פלעג איך זיך אַריינגנבענען צו די יידן, טרינקען מיט זיי אַ גלאָז טיי און שמועסן וועגן דעם געוועזענעם און וועגן דעם היינט. אַלע יידן דאָ זענען געווען זייער רעליגיעז, געדאַווענט דריי מאָל אַ טאָג און אַז איך פלעג זיי זען ביי מעריב אין זייער רעליגיעזן עקסטאַז, האָט זיך מיר געדוכט, אַז מיט זייערע תפילות בקול האָבן זיי מיט געוואַלד געוואָלט אומקערן די פאַרלאָרענע משפחות פון די טויט־לאַגערן. זייער הויז איז געוואָרן מיין הויז און איך האָב זיי ליב באַקומען ווי מען ליבט עלטערן און ברידער. איך האָב אָבער יעדעס מאָל פון דאָס ניי נישט פאַרשטאַנען פון וואַנען נעמט זיך ביי זיי אַזאַ טיפער גלויבן, אַז די משפחות זייערע לעבן נאָך און וועלן זיך באַלד צוריק־קערן אַהיים. זיי האָבן געגנוי געוווּסט, אַז ווייב און קינד זענען אַוועק קיין אוישוויץ, זיי האָבן אָבער גע־

האָפּט, אַז זיי לעבן. און יעדן טאָג האָבן זיי געוואַרט פון דאָס ניי אַז אָט־אָט און זיי וועלן זיך באַווייזן. ווען זיי האָבן ביים דאַוונען געשלאָסן די אויגן, זיך געשאָקלט, געהויבן די הענט צום הימל און געשריען צו זייער איינציקן גאָט, איז מיר געווען טרויעריק. איך בין געזעסן און געטראַכט: וועלכן גאָט דאַנקען זיי און צו וועלכן גאָט בעטן זיי? צו דעם, וואָס האָט זיך צוגעקוקט צו זייערע משפחות אין אוישוויץ און געשוויגן? איך פלעג זיך אַמאָל נישט איינהאַלטן און אָנהויבן מיט זיי צו דיסקוטירן און זיך מתווכח זיין איבער מענטש, גאָט און דער השגחה עליונה. זיי פלעגן קוקן אויף מיר מיט אַ פאַרגעבלעכן רחמנות און נישט פאַרשטיין ווי קומט דאָס צו מיר און פון וואַנען נעמען זיך ביי מיר מיינע ספקות.

דאָס זיבעצן־יאָריק מיידל איז געווען אַ מאַמע פאַר די אַלע איינזאַמע יידן. אויך פאַר מיר האָט זי געזאָרגט. פאַרנייט און פאַרלאַטעט און אַלע מאָל גע־האָלפן, ווען עס איז געווען נויטיק. איר צאַרטער בליק, איר ווייכער שמייכל, האָט יעדן געגלעט און באַרויִקט. איך האָב זיך אַלע מאָל געוווּנדערט ווי אַזוי דאָס מיידל איז געבליבן אַזוי אומבאַרירט, נאַאיוו און גוטהאַרציק, נאָכדעם ווי זי האָט זיך געוואַלגערט אין די באַראַקן פון אוישוויץ. אין דער געשטאַלט פון דעם איינציקן יידישן מיידל, וואָס האָט געלעבט צווישן אונדז, האָבן מיר געזען אונדזערע פרויען און מוטערס. זי איז געוואָרן פאַר אונדז דער סימבאָל פון אונדזער פאַר־

גאַנגענהייט און פון אונדזער געמיטלעכער אַמאָליקער היים. די יידן האָבן זי אָפּגעהיט ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג, מורא געהאַט זי זאָל אַרויסגיין אין גאַס. אין דרויסן האָבן זיך אַרומגעדרייט הונגעריקע וועלף, וועלכע זענען אָנגעלאָפן פון אַלערליי מלחמה־פעלדער און זיי פליקן און רייסן שטיקערווייז פון יעדער פרוי, וואָס זיי טרעפן אויפן וועג.

צווישן די יידן איז געווען אַ רב, צו וועלכן די אַלע אַרום האָבן זיך באַצויגן מיט גרויס דרך־ארץ. אין די מלחמה־יאָרן איז ער געווען פאַרשיקט אויף צוואַנגס־אַרבעט. דאָרט האָט מען אים אָפּגעשניטן באָרד און פאות און איצט איז ער אַ ייד מיט אַלע צוגלייך און וויל נישט וויסן מער פון רבנות. ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט אים האָב איך דער־פילט אַ שטראָם פון וואַרעמקייט, וואָס האָט אַרויס־געשטראַלט פון זיינע בלויע גוטמוטיקע אויגן. מיר האָבן זיך באַלד באַפריינדעט און זיך צוגעקלעפּט איינער צום צווייטן ווי ברידער. ביי יעדער באַגע־געניש פלעגט ער כאַפּן מיין האַנט אין זיינער און נישט אָפּלאָזן ביז מיר פלעגן זיך צעשיידן. זיין הוט איז אַלעמאָל געווען אַראָפּגערוקט אויפן אויער דער קאָפּ געבויגן אָן אַ זייט, ווי ער וואָלט זיך זייער אויפמערקזאַם צוהערן וואָס איך זאָג. זיין בליק איז אַלע מאָל געווען געווענדעט פון אונטן אַרויף, און זיין גאַנץ וועזן איז געווען פול מיט ליבע, זאָרג און אי־בערגעבנקייט. ער האָט פאַרמאָגט אַ באַזונדערן מאַ־

גישן כוח: אָוועקרייסן דיך פון דעם טאָג-טעגלעכן, דערוואָרעמען און אָוועקטראָגן אין אַ וועלט שכולו טוב. ער האָט געהערט פון זיין גרויסער משפחה, אויף וועלכער ער הערט נישט אויף צו וואַרטן און מיט אַ מאָל פלעגט ער אָוועקפליען אין מיסטישע וועלטן און זיך אויפהויבן אַזוי הויך, אַז איך פלעג אים נישט קענען דעריאָגן און בלייבן זיצן ווי אַ קליין קינד, וואָס הערט זיך צו צו אַן אומפאַרשטענדלעכער צויבער-שפּראַך.

איין מאָל אַ פאַרנאַכט, ווען איך בין אַריין זיך אָפּרוען צווישן מיינע יידן, האָט ער מיך געכאַפּט פאַרן האַנט, מיך אַרויסגעפירט אין אַ זייטיק, רויִק געסל און אויפן אויער, שטילערהייט, גענומען אַנאַליזירן די לאַגע אין וועלכער איך געפין זיך אַצינד. לאַנגזאַם האָט ער אויפגעהויבן זיין שטים און מיט אַן ענער-גישן טאָן געזאָגט:

— איר מוזט אַוועק פון דאַנען, דאָקטאָר, איר קענט דאָ לענגער נישט בלייבן. איר מוזט זיך ראַטע-ווען, אויב נישט, וועט איר דאָ אומקומען. מ׳מוז זען וואָס טאָן. איך וועל אייך העלפן. איר מוזט לויפן זוכן פרוי און קינד. איך זע — האָט ער געזאָגט — בכוח הדמיון, אַז אייער גליק איז נישט ווייט פון דאַנען. איר מוזט אַוועק פון הי און וואָס גיכער.

דאָס ערשטע מאָל האָב איך געהערט פון אים אַזאַ אַנטשלאָסענעם טאָן. איך האָב דערזען פאַר זיך גאָר אַן אַנדערן מענטש. אַזוי ווי ער האָט געקענט זיך

אויפהויבן אין די הימלען, אַזוי קען ער שטיין מיט פעסטע טריט אויף דער ערד.

— איר מוזט אַוועק פון דאַנען — האָט ער אומ־אויפהערלעך געטענהעט, — איר וועט דאָ פאַרלאָרן גיין, ווער ווייסט ווו מען וועט אייך נאָך פאַרשלעפּן. איך האָב זיך דערשראָקן:

וואָס הייסט אַוועק— — פרעג איך אים — איך בין קיין מאָל קיין העלד נישט געוועזן, פון היטלערן בין איך נישט געלאָפן. איך בין אַלע מאָל געגאַנגען ווו מען האָט מיך געטריבן. איז ווי און ווו וועל איך לויפן? דאָס שטעטל איז שטרענג באַוואַכט, ווי אַ לאַ־גער. איך בין פאַרבונדן מיט דער אַרבעט. אַלע קענען מיך שוין דאָ, איז ווי אַזוי קען איך לויפן?

— דו ביסט 200 קילאָמעטער פון בודאַפּעשט — האָט ער מיר שטיל אַריינגעסודעט אין אויער. — דאָרטן זענען דאָ יידן און אַ יידישער קאָמיטעט און דאָרטן וואַרטן אויף דיר גוטע בשורות פון דער משפּחה.

איך האָב זיך דערפילט אומבאַקוועם פון זיינע נביאישע רייד, ער האָט מיך אָבער אָנגעשטעקט מיט זיין עקסטאַז און גלויבן און אַריינגעשפּריצט אין מיר אַן אומרו.

נאָך דעם געשפּרעך האָב איך באַשלאָסן, אַז איך וועל גיין ריידן מיטן קאָמענדאַנט פון לאַגער און זיך דערוויסן ביי אים ווי לאַנג נאָך, מיינט ער, וועל איך דאָ זיצן און וועלכע אויסזיכטן האָב איך אַרויסצוגיין פון דאַנען, כדי צו זוכן מיין משפּחה. כ'האָב זיך גע־

נומען די העזה צו רעדן מיטן קאָמענדאַנט, ווייל איך האָב אים שוין געקענט פון זיינעם אַ באַזוך ביי מיר אין אַמבולאַטאָריע.

איין מאָל האָט מיר געמעלדעט איינע פון מיינע סעקרעטאַרשעס, אַז דער קאָמענדאַנט פון לאַגער איז דאָ און ער וויל מיט מיר רעדן. איך בין אַרויס צו אים און מיר זענען ביידע אַריין אין אַ באַזונדער קליין צימערל און זיך פאַרשלאָסן. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט, געהייסן מיר זיך זעצן און מיר האָבן ביידע געשוויגן. ער איז געווען אַ ריז, מיט ברייטע געזונטע פּלייצעס, אַ גרויסער קאָפּ, אַ פלאַטשיקע נאָז ווי ביי אַ באָקסער און צוויי קליינע מייזלשע אויגן. ער האָט עפּעס אומ־באַקוועם געקוקט אויף מיר מיט זיינע קליינע אויגעלעך און ווידער געשוויגן. כ׳האָב גלייך פאַרשטאַנען, אַז ער האָט געבראַכט צו מיר זיינע אינטימע פּראָבלעמען און אין ערשטן מאָמענט געמיינט, אַז עס האַנדלט זיך וועגן אַ פרוי, וואָס האָט פון אים פאַרשוואַנגערט און ער ווייס נישט ווי מען קריכט אַרויס פון דער צרה. איך האָב איבערגעשניטן זיין שווייגן און כ׳האָב געזאָגט:

— נו, חבר קאָמענדאַנט, דערציייל וואָס דריקט אויף דיין געמיט? און אויב איך וועל נאָר קענען, וועל איך דיר העלפן.

אויף דעם האָט ער אָנגעהויבן צו שטאַמלען און איז לאַנגזאַם אַרויס מיט דער שפּראַך:

— צו דיר וועט קומען אַ פרוי מיטן נאָמען וואַ־

לענטינא ר.; ווייל איך, אַז דו זאָלסט וויסן, אַז קיין טריפֿער האָט זי נישט.

ער האָט אונטערגעשטראָכן דעם נישט מיט אַ באַזונדערער אינטאָנאַציע. איך האָב באַלד פֿאַרשטאַנען וואָס ער מיינט און וואָס ער וויל פֿון מיר. כ׳האָב פֿאַרשריבן דעם נאָמען און אים באַרויִקט:

— וואָס איך קען, וועל איך טאָן — האָב איך אים געזאָגט — אָבער דו, חבר קאָמענדאַנט, מוזט זאָרגן וועגן זיך, זיך אונטערזוכן און זיך לאָזן היילן.

— איך וועל שוין זען וואָס איך האָב צו טאָן — האָט ער געענטפֿערט, געדריקט מיין האַנט און אַוועק.

אויף מאָרגן איז געקומען צו מיר אין אַמבולאַטאָריע זיין קרבן. זי איז געווען שלאַנק און בויגעוודיק, ווי אַ יונג בוימל, מיט אַ צאַרטן שיינעם מאַדאָננאַפּנים און אַ פּאָר גרויסע פֿלוימען־אויגן. אַז זי איז אַרויף אויפֿן טיש, האָט זי זיך אַביסל פֿאַרשעמט און פֿאַררויטלט.

נאָך דער באַגעגעניש מיט אים אין מיין אַמבולאַטאָריע און נאָך דער אונטערזוכונג פֿון זיין מיידל, איז דער קאָמענדאַנט שוין געווען מיט מיר אַ חבר, מיך באַגריסט פֿון דער וויטן און געשמייכלט צו מיר מיט אַ שמייכל פֿון אַ מענטש, וואָס איז אַ שותּף צו אַ געמיינזאַמען סוד. כאָטש איך האָב געוווּסט, אַז איך לעב דאָ אונטער אַ שטרענגן לאַגער־רעזשים, האָב איך דאָך באַשלאָסן גיין צום קאָמענדאַנט, דערציילן אים מיין געשיכטע, אויפֿוועקן ביי אים מענטשלעכע

סטרונעס און הערן וואָס וועט ער זאָגן בנוגע מיינע פלענער און מיין באַשלוס צו פאַרלאָזן דעם טראַנזיט־לאַגער. דער קאָמענדאַנט איז געווען דער אַלמעכ־טיקער אין לאַגער און דער אַליינהערשער איבער דער גאַנצע סטאַדע מענטשן.

ער האָט מיך אויפגענומען זייער פריינדלעך, גע־בעטן זיצן און געפרעגט וואָס האָט מיך געבראַכט צו אים, וועלכע הילף דאַרף איך און אַז ער איז גרייט מיר צו דינען. איך האָב געפילט, אַז איך האָב נישט מער וואָס צו פאַרלירן און האָב אים אָפּן אַוועקגעלייגט אַלץ וואָס איך האָב געהאַט אויף מיין האַרצן. איך האָב אים דערציילט פון די פיר היטלער־יאָרן, פון דער באַפרייונג, פון מיין פרוי און קינד און ווי מען האָט אונדז צעריסן און צעשפּרייט אין אַלע עקן. ווו מיין פרוי געפינט זיך, צי זי לעבט, צי נישט, ווייס איך נישט, נאָר איך לויף זוכן מיין איינציק קינד, וועלכער איז געבליבן אויסבאַהאַלטן אין אַ דאָרף איינ־זאַם און אַליין. איך בין אונטערוועגס קיין ליטע, לויף צו אים און איך מוז אים וואָס גיכער געפינען. כדי צו זוכן מיין פרוי און קינד בין איך פון די ערשטע נאָך דער באַפרייונג געלאָפן פון דאַכאו אַהיים. איצט בין איך געבליבן שטעקן דאָ, אין אַ פאַרוואָרפן דאָרף אין אונגאַרן, און איך בעט אים ער זאָל מיר זאָגן, ווען וועט דאָס נעמען אַ סוף צו דער אויסזיכטסלאָזער לאַגע מיינער. שוין דוכט זיך, אוים מלחמה, האָב איך ווידער געטענעט, און איך בין נאָך אַלץ אָפּגעריסן

פון מיין משפחה. איך וויל נישט מער — האָב איך אויפגעהויבן מיין שטים — קיינער האָט קיין רעכט נישט צו האַלטן מיך מיט געוואַלד, איך בין אַ פרייער מענטש און איך וויל דו זאָלסט מיך שיקן אַהיים. אויב נישט וועל איך אַנטלויפן, מער קען איך נישט. ער האָט מיך זייער אויפמערקזאַם אויסגעהערט, געווען אַביסל פאַרוווּנדערט פון מיין העזה און אָפנהאַרציקייט און צום סוף זיך געווענדעט צו מיר, איינגעהאַלטן, מיט אַ רויִק און טיף קול:

— אַנטלויפן, דאָקטאָר, ראָט איך דיך נישט. דער לאַגער איז אַרום און אַרום זייער גוט באַוואַכט, און אויב דו וועסט לויפן — וועלן דיך מיינע זעלנער פאַר־האַלטן און ברענגען צו מיר אין טורמע אַריין. איך וועל דיך פריי לאָזן. אָבער צו וואָס זאָלסטו זיך מאַכן נאַריש און לויפן. גלויב מיר, דאָקטאָר, פון דאַנען איז זייער שווער צו אַנטלויפן. מיר האָבן שוין אָנגעהויבן צו מאָביליזירן אַלע מענער, מיר שטעלן צוזאַמען נייע אָטריאַדן, וועלכע מיר שיקן אַהיים. מיר ווייסן שוין אַפילו, אַז זייער קוואַרטיר וועט זיין אין דרום, ביי דער וואָלגאַ. דו וועסט זיין זייער דאָקטאָר און ביי אונדז אַ דאָקטאָר, אַן אָפיציר, האָט אַ סך כבוד, אַ גוטן געהאַלט און עס פעלט אים גאָרנישט.

— און וואָס וועט זיין מיט מיין קינד — פרעג איך אים — ער איז דאָך נאָר 9 יאָר אַלט, אָן אַ מאַמען און אָן אַ טאַטן. וואָס וועט ווערן פון אים? פריער מוז

איך אים געפינען, פאַרזאָרגן און נאָכהער וועל איך קענען דערפילן מיינע פליכטן פאַרן פאָטערלאַנד.

ער האָט גרויסצוגיק געשמייכלט, מיך באַרויִקט און געזאָגט:

— ביי אונדז אין אונדזער סאָציאַליסטיש פאָטער־לאַנד זאָרגט מען זיך זייער שטאַרק וועגן די קינדער. קינדער זענען ביי אונדז אויפן ערשטן אָרט, זיי פעלט גאָרנישט. ער וועט אויף דיר וואַרטן ביז דו וועסט זיך באַפרייען פון דער אַרמיי און דער ראַטנפאַרבאַנד וועט שוין זאָרגן וועגן דיין קינד, קענסט זיין רויִק.

זיינע ווערטער זענען געפאַלן אויף מיין קאָפּ ווי אַ שווערע האַק. איך האָב ווידער דערפילט, אַז מיר שטייען ביידע אין צוויי ווייטע וועלטן. איך האָב אַראָפּ־געלאָזט דעם קאָפּ, זיך באַדאַנקט און ווי אַ שאָטן זיך אַרויסגעשאַרט פון זיין צימער.

***

נאָך דעם געשפּרעך מיט דעם קאָמענדאַנט פון לאַגער, האָב איך אָנגעהויבן צו פאַרשטיין אַ סך זאַכן, וואָס כ׳האָב נישט פאַרשטאַנען פריער. איך האָב זיך דערמאָנט, אַז איך האָב טאַקע געזען ווי אין די גאַסן פון לאַגער האָבן מאַרשירט קאָלאָנען פון ציווילע יונגע לייט, זיך מושטרירט, געמאַכט מיליטערישע אי־בונגען און מיט יעדן טאָג איז דער לאַגער געוואָרן ליידיקער. וויי‌ניקער מענער האָבן זיך אַרומגעדרייט

אין די גאַסן. מיט אַמאָל בין איך אַריינגעפאַלן אין אַ שווידערלעכער פּאַניק, כ׳האָב נישט געקענט ארבעטן, נישט געקענט שלאָפן און זיך קיין אָרט נישט געפונען. איך האָב זיך דערזען ווי אַ זעלנער, ערגעץ ווו ביי דער וואָלגאַ, ווייט פון מיין פרוי און ווייט פון מיין קינד. ווי וועל איך זיי געבן צו וויסן ווו איך בין און אַז איך בין געבליבן ביים לעבן? כ׳האָב ווידער פאַר־לאָרן מיין פרייהייט, וואָס איך האָב אַזוי אויסגעבענקט אין די לאַנגע פינצטערע פיר יאָר. אין די נעכט האָב איך זיך געשליידערט אין קאָשמאַרן. אין חלום האָב איך געזען מיין קינד מיט אויסגעשטרעקטע הענט־לעך, ווי ער לויפט צו מיר און איך צו אים און פּלו־צים לאָזט זיך אַראָפּ אַ שווערע וואַנט צווישן אונדז ביידן. זיין געשטאַלט זע איך יעדע נאַכט, איך צי זיך צו אים מיט אַלע מיינע כוחות, אָבער אייזערנע פינ־גער קלעמען מיך איין און איך כאַפּ זיך אויף פון שלאָף מיט אַ ווילדן געשריי. איך באַמי זיך מיט אַלע מיינע כוחות אויסצומעקן זיין אָנזיכט אין מיין זכרון. אַ מאָל זע איך זיין געשטאַלט ווי דורך אַ נעפּל. אַ מאָל זע איך ווי ער גייט אַוועק פון מיר, דערווייטערט זיך און פאַרשווינדט ווי הינטער אַ הויכן באַרג. די בענק־שאַפט נאָך אים האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ שאַרפן ווייטאָג.

מיינע אַלע ראַנגלענישן, מחשבות און אַלץ וואָס איך האָב געהאַט אויף מיין געמיט, האָב איך אויס־געגאָסן פאַר מיין איינציקן פריינד. איך האָב אים

דערציילט מיין געשפרעך מיטן קאָמענדאַנט, נישט באַהאַלטן פון אים מיין קומער און מיין פאַרצווייפ־לונג. ער האָט באַלד דערפילט ווי שלעכט מיר איז און האָט איינגעקלעמט מיין האַנט אין זיינער און נאָך דעם ווי ער האָט מיך אויסגעהערט, האָט אים פאַר־קלעמט דאָס האַרץ און זיין גאַנצער קערפער האָט זיך אָנגעהויבן טרייסלען פון געוויין. ער האָט זיך נישט געקענט באַהערשן און אָנגעהויבן כליפּען אויפן קול. ער האָט זיך איינגעקאָרטשעט פון ווייטאָג, געדריקט מיין האַנט און דורך זיין געוויין־קראַמף האָט ער אויס־געשריען אָפּגעהאַקטע ווערטער:

— דו מוזט אַוועק פון דאַנען און וואָס גיכער.

עס האָט מיר וויי געטאָן וואָס איך האָב אים גע־בראַכט צו אַזאַ צושטאַנד. פון אים האָט אַרויסגעוויינט נישט נאָר מיין גורל, ער האָט אַרויסגעוויינט פון זיך אַלע זיינע צרות, ער האָט געוויינט נאָך זיין פרוי און נאָך זיינע זעקס קינדער, וואָס זענען נישטאָ. איך האָב זיך געפילט שולדיק, וואָס איך האָב פּראָוואָצירט ביי אים אַזאַ אויסברוך. איך האָב אים געגלעט איבער זיין אַקסל און באַרויִקט, און צום סוף האָבן מיר זיך ביידע אַנידערגעזעצט אויף אַן אָפּגעהאַקטן בוים, און געשוויגן. דער טרייער פריינד מיינער האָט שוין גע־זוכט פאַרשידענע וועגן ווי מיר צו העלפן איך זאָל אַרויס. ער האָט אויסגעאַרבעט פּלענער, רעאַלע און פאַנטאַסטישע, איין וועג אויפגעגעבן און געזוכט אַ צווייטן.

אין איינעם אַ נאָכמיטאָג קוק איך אַרויס דורכן פענצטער און זע ווי מיין פריינד דרייט זיך אַרום נעבן מיין אַמבולאַטאָריע. אַז איך בין אַרויס צו אים, האָט ער איילנדיק מיר איינגערוימט אַ סוד אין אויער:

— דו מוזסט שנעלער ענדיקן דיין אַרבעט. היינט ווײַסטו אַוועק — האָט ער געזאָגט — איך וואַרט אויף דיר און דו גייסט מיט מיר.

ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז איך מוז נאָך מיטנעמען מיינס אַ פּעקל, וואָס כ'האָב געלאָזן אויף מיין בעטל, האָט ער מיט ביטול אַ מאַך געטאָן מיט זיין האַנט:

— דו דאַרפסט קיין זאַך נישט, ענדיק דיין אַרבעט און קום גיכער.

אַז איך בין אַרויס פון דער אַרבעט, האָט ער מיך געכאַפּט ביי דער האַנט און מיך געבראַכט אין אַ זייטיקן הויף, וווּ עס איז געשטאַנען אַ מיליטערישער לאַסט־אויטאָ. דער אויטאָ איז געווען פול אָנגעלאָדן מיט טרוקענע נישט באַאַרבעטע רינדערפעל. ער איז צוגעגאַנגען צו אַ יידן, וואָס איז געשטאַנען נעבן אויטאָ און אים איינגערוימט אַ סוד. דער ייד איז צו צו מיר, מיך באַטראַכט פון אויבן ביז אַראָפּ און אַ פרעג געטאָן צי איך בין אַ ייד, און אויב יאָ, זאָל איך אים זאָגן שמע ישראל אויף אויסנווייניק. ווען איך האָב אויסגעהאַלטן מיין עקזאַמען, איז ער צו צו מיין פריינד און אים געזאָגט, אַז ער באַדויערט, היינט קען ער מיך נישט מיטנעמען קיין בודאַפּעשט. איך בין

געשטאַנען אַ דערשראָקענער אָן אַ זייט און זיך נישט אַריינגעמישט אין זייער געשפּרעך. כ׳האָב אָבער באַמערקט, אַז צווישן זיי האָט זיך אַנטוויקלט אַ הייסער וויכוח און צום סוף האָט מיין פריינד אים גענומען ביי דער קלאַפּע, אַ טרייסל געטאָן און מיט אַ באַפעלערישער שטימע געזאָגט:

— נייַן, היינט וועסטו אים מיטנעמען.

זיין עקשנות און זיין הילפבאַרייטשאַפט האָבן משפּיע געווען אויף דעם ייד מיט די פּעל. ער איז צו צו מיר און קורץ דערציילט וועגן זיך. ער איז אַ סוחר, וואָס קויפט איין פעל פאַר דער רויטער אַרמיי. דער שאָפער פון אויטאָ איז אַ רוסישער זעלנער, דער אויטאָ געהערט דער אַרמיי און דעריבער האָט ער זייער מורא פאַר דער פּאָליציי, וואָס קאָנטראָלירט יעדן מיליטערישן לאַסט-אויטאָ. איין קאָנטראָל איז אויפן וועג, וואָס פירט אַרויס פון שטעטל, וואָס איז באַוואַכט פון אַלע זייטן און די צווייטע קאָנטראָל איז אַריינפאָרנדיק קיין בודאַפּעשט. ער האָט מיר דערקלערט, אַז איך מוז אַרויפשפּרינגען אויפן אויטאָ פון הינטן, נאָר דאַן, ווען דער שאָפער וועט שוין זיצן אין זיין קאַבינע, כדי ער זאָל מיך נישט זען. אין לעצטן מאָמענט האָט ער מיר באַפוילן זיך אַריינגראָבן צווישן די פעלעכלעך, אַריינגערוקט מיר אין האַנט עפּעס אַ דאָקומענט און געזאָגט, אויב מען וועט דיך דערטאַפּן, באַווייז דעם דאָקומענט. איך האָב געעפנט דאָס ביכעלע און געפונען אין אים אַ פאָטאָגראַפיע פון אַן עלטערן יידן

מיט אַ לאַנגער באָרד. אויף מיין פראַגע ווי קען איך באַנוצן אַזאַ דאָקומענט מיט אַ פרעמדער פאָטאָגראַפיע, האָט ער געענטפערט: ער האָפט מען וועט נישט דאַרפן און אויב יאָ, זאָל איך זאָגן אַז איך האָב זיך אָפּראַזירט. כאָטש איך האָב געציטערט פון פחד, האָב איך אַריינגעשמייכלט אין זיך קוקנדיק אויפן דאָ־קומענט און זעענדיק די וווייטע ענלעכקייט פון מיר מיטן אומבאַקאַנטן יידן.

ס'איז קיין צייט נישט געווען זיך צו איבערלייגן, געדריקט די האַנט פון מיין פריינד, אַרויפגעשפּרונגען אויפן אויטאָ און זיך אַריינגעגראָבן אין די טרוקענע פעלעכלעך. אַז דער אויטאָ האָט אויפגעהערט זיך טרייס־לען איבער די גרויסע ברוקשטיינער פון שטעטל, האָב איך געעפנט אַ קליינעם שפּאַלט צווישן די פעלן און באַלד דערזען די ברייטע גרינע פעלדער.

אַז איך בין געבליבן אַליין מיט זיך אין מיין נאָרע, האָב איך אָנגעהויבן לאַנגזאַם קומען צו זיך און באַגרייפן ווי איך בין און וואָס מיט מיר איז געשען. כ'האָב גאָרנישט פאַרשטאַנען ווי האָב איך דאָס גענומען דעם כוח צו מאַכן אַזאַ געוואַגטן שפּרונג. איך האָב קיין מאָל נישט געוואַגט צו לויפן, זיך פאַרשטעקן, אין צייטן ווען אַ סך גרעסערע געפאַרן האָבן געלויערט איבער מיר. מיט אַ מאָל געוואָרן אַזאַ גיבור. כ'האָב נישט געוווּסט ווען און ווי איך וועל אַראָפּשפּרינגען פון דעם אויטאָ, נאָר איין זאַך האָב איך יאָ געוווּסט: אַז איך שטיי נישט אויף אַן אָרט, אַז איך לויף שוין

ווייטער ,אים, מיין קינד אַנטקעגן. ווען מען האָט מיר אין שמוטהאָף, מיט געוואַלד, אַוועקגעריסן פון מיין פרוי, האָבן מיר ביידע צייט געהאַט צו זאָגן איינער דעם צווייטן נאָר אַ פּאָר ווערטער. מיר האָבן זיך אָפּגערעדט, אַז אויב מען בלייבט לעבן, שרייבט יעדער לויטן אדרעס, וועלכער איז קורץ און לייכט צו געדענ־קען: ש., רחובות, פּאַלעסטינע. און ווי מען זאָל זיך נישט באַפרייען, לויפט יעדער פון אונדז צו זוכן דאָס קינד. אונדזער זונעלע האָט געדאַרפט זיין דער טרעפ־פונקט פאַר אונדז אַלע דריי. דווקא אין דעם לאַסטוואָגן טיף באַגראָבן צווישן די רויע פעל, האָב איך פלו־צים דערפילט דאָס גליק פון טרעפן זיך. איך האָב זיך באַוועגט און אַז מען באַוועגט זיך, דוכט זיך אַלע מאָל, אַז מען באַוועגט זיך פאָרויס, נענטער צום ציל.

אונטערוועגס איז דער אויטאָ איינִיקע מאָל שטיין געבליבן. אויפן אויטאָ זענען אַרויפגעקראָכן זעלנער, וועלכע האָבן געבעטן מיטפאָרן. איינער פון די מיט־פאָרער האָט זיך אַרויפגעזעצט אויף מיר און איך האָב דערפילט אַ שווערע לאַסט, וואָס האָט זיך ווי אַ שטיין אַוועקגעלייגט אויף די פעלן און געדריקט אויף מיר אַזוי, אַז ס׳איז שווער געוואָרן צו אָטעמען. צום גליק האָט ער זיך אַ רוק געטאָן און מיר איז געוואָרן לייכטער. דער סאָלדאַט, וואָס זיצט ביים ראָד, ווייסט גאָר ניט וואָס פאַראַ פּאַסאַזשיר ער פירט ביי זיך פון הינטן. ווען עס האָט זיך אַראָפּגעלאָזן דער אָוונט און עס איז געוואָרן פינצטער, האָב איך זיך אַביסל באַפרייט פון די האַרטע

פעלעכלעך אַרום מיר, אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ און פרייער געאָטעמט.

מיט אַ מאָל האָב איך דערזען ליכטער און פאַר־שטאַנען, אַז מיר זענען אַוודאי אָנגעקומען אין אַ שטאָט. די ליכטער זענען געוואָרן עפּטער און איך האָב דער־הערט קולות און אַ גערויש פון אויטאָמאָבילן. איך האָב זיך ווידער פאַרשטעקט אין מיין נאָרע, טיפער אונטער די פעלן און בשלום אַדורך די לעצטע קאָנטראָל.

דער אויטאָ האָט זיך געפּלאָנטערט דורך אַ סך גאַסן און געסלעך און איז שטיין געבליבן ביי אַ הויז, אין אַ שמאָל טונקל געסל. דער ייד, וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסן נעבן שאָפער, איז אַראָפּגעשפּרונגען, אָנגעקלאַפּט אין די טרוקענע פעלן און געמאָלדן, אַז איך קען אַראָפּ־גיין. מיר זענען ביידע שטיין געבליבן ביי אַ טיר און דער אויטאָ איז אַוועק ווייטער. ער האָט מיך פאַרבעטן צו זיך אַהיים און געזאָגט, אַז אין דריי טעג אַרום פאָרט ער קיין בוקאַרעשט, דאָרט איז דאָ אַ יידישער קאָמיטעט און רשימות פון לעבנגעבליבענע יידן, און דאָרט וועל איך אפשר באַקומען מער ידיעות וועגן מיין משפחה.

— דערווייל — זאָגט ער — וועט איר שלאָפן ביי מיר און מאָרגן וועט מען זען.

ער האָט געלעבט אין אַ קליין דירהלע, צוזאַמען מיט אַן אַלטער מאַמע, וועלכע האָט צוגעגרייט פאַר אונדז אַ וואַרעמען אָוונט־עסן און אָנגעוויזן דאָס בעט איז וועלכן איך וועל שלאָפן. די אַלטע מאַמע האָט זיך באַ־וועגט אין צימער מיט שטילע טריט, ווי זי וואָלט

געשפּרייזט אויף אַ ווייכן טעפּיך. זי האָט מיך גאָרניט געפרעגט נאָר פון צייט צו צייט מיר געשענקט אַ צער־טלעכן בליק, וואָס האָט אי געפרעגט, אי באַרויִקט. איך האָב גאָרניט געקענט פאַרשטיין ווי אַזוי האָבן יידן געלעבט אין אַזוינע נאָרמאַלע באַדינגונגען, געזעסן אין זייערע וווינונגען, געשלאָפן אויף זייערע בעטן, ווי ס׳וואָלט גאָרניט געשען. עס האָט באַזונדערס אויסגעזען ווי אַ וווּנדער אין מיינע אויגן צו זען אַן אַלטע יידישע פרוי. די גוטמוטיקע יידישע מאַמע האָט ניט פאַרשטאַנען פאַרוואָס איך בין אַזוי נאַקעט. אַן אַ פּעקל, אָן וועש און אָן קליידער, אַט אַזוי ווי מען וואָלט מיך אַרויסגעיאָגט.

איך האָב שוין יאָרן ניט געזען אַזאַ ווייסקייט פון אַ געלעגער, אַזוי ווייך און אַזוי וואַרעם. שלאָפן האָב איך ניט געקענט, איך האָב זיך געפילט ווי איך וואָלט אַנטלאָפן פון אַ טורמע. די גאַנצע וועלט פּאָליציסטן יאָגן זיך נאָך מיר און זוכן מיך אין אַלע בודאַפּעשטער גאַסן און אויף אַלע אונגאַרישע וועגן. מאָרגן אין דער פרי וועלן שוין אַ פּאָר הונדערט פּרויען וואַרטן אויף מיר אין אַמבולאַטאָריע און דער דאָקטאָר איז ניטאָ. באַלד וועט פליען אַ מעלדונג איבערן גאַנצן לאַנד און אַלע וועלן זיך אַ לאָז טאָן זוכן דעם דעזערטיר. איך האָב זיך געדרייט פון איין זייט אויף דער צווייטער, זיך געגראָבן אין קישן, אָבער איינשלאָפן ניט געקענט.

צומאָרגנס האָט מיר דער ייד געזאָגט, ער וועט מיך ברענגען צום יידישן קאָמיטעט און ער האָפט, אַז איך וועל שוין ווייטער געפינען מיין וועג אַליין. מיר איז

ניט איינגעפאַלן צו פרעגן זיין נאָמען, אַדרעס און ווען ער האָט מיך אַראָפּגעלאָזן ביים יידישן קאָמיטעט, בין איך געבליבן שטיין ביי אַ הויכער וואַנט פון רויטן ציגל, אין מיטן פון דער גרויסער, פרעמדער שטאָט. אין דעם מאָמענט, ווי דער אויטאָ איז אָפּגעפאָרן, האָב איך זיך דערפילט ווי אַרויסגעוואָרפן — אַליין און פאַרלאָרן. אַרום מיר איז געווען אַ געדראַנג פון מענטשן און אַ גרויסער טומל. טויזנטער האָבן זיך באַוועגט אַהין און צוריק, אָבער אַלע זענען געווען ווייט און פרעמד און איך בין געבליבן שטיין אויפן גאַס איינער אַליין, איך קען קיינעם ניט, און קיינער קען מיך ניט. יעדער זעלנער, וואָס איך האָב געזען דורכגיין די גאַס, האָט זיך געיאָגט נאָך מיר. אַלע ווייסן שוין, אַז איך בין אַנטלאָפן און אַלע זוכן נאָר מיך אין די רוישיקע גאַסן פון בודאַפּעשט.

איך האָב זיך מיט אַ מאָל דערשראָקן, זיך אַריינגעכאַפּט אין אַ קאָרידאָר און זיך פאַרשטעקט פון מיינע פאַרפאָלגער. אין די קאָרידאָרן פון קאָמיטעט זענען געווען אויסגעהאָנגען הונדערטער פאָטאָגראַפיעס און מעלדונגען. דער, וועלכער איז לעבן געבליבן האָט אויפגעהאָנגען פאָטאָגראַפיעס פון זיין משפחה, געפרעגט אפשר האָט ווער געזען, געטראָפן, אפשר ווייס ווער פון דעם און פון יענעם. אין דער געביידע האָבן זיך געזוכט די אונגאַרישע יידן. אָבער איך בין דאָ אַליין, אַ דעזערטיר, אַלע ווייסן, אַז איך בין אַנטלאָפן פון דער רויטער אַרמיי און דער באָדן ברענט אונטער מיינע פיס.

כ׳האָב אָנגעהויבן וואַנדערן פון איין צימער אין

צווייטן און געזוכט דעם פאָרזיצער פון דעם יידישן קאָמיטעט. ער איז ניטאָ, זיין געהילף איז אויך ניטאָ. כ'האָב געזוכט אַ מענטשן, וועמען איך זאָל קענען פאַרטרויען מיין פאַרברעכן און ביי וועמען איך זאָל קענען פרעגן אַן עצה און בעטן הילף. איך בין אַרויס פון דער געביידע אין הויף, זיך פאַררוקט אין אַ ווינקל און געבליבן שטיין אין טיפער פאַרצווייפלונג. אין יענע מינוטן פון איינזאַמקייט און אויסזיכטסלאָזיקייט האָט זיך מיר געדוכט, אַז איך האָב זיך ווידער דערווייטערט טויזנטער מייל פון מיין ציל. ווו איז מיין קינד און ווו בין איך? איך האָב זיך אַרויסגעריסן פון מיין לאַגער, אָבער אין ערגעץ ניט דערגאַנגען. כ'האָב ווידער דערזען פון ווייטן צוויי זעלנער, וואָס זוכן מיך. איך האָב זיך דערשראָקן און זיך פאַרשטעקט אויף אַ וויַיל ביז זיי זענען פאַרביי.

אָט אַזוי שטייענדיק, אין מיין טיפסטער פאַרלאָרנקייט, האָט מיין בליק זיך אָנגעשטויסן אויף אַ שמייכל פון אַ שיין בלאָנד מיידל. זי האָט צו מיר געשמייכלט ווי צו אַן אַלטן באַקאַנטן און איך האָב געזען, אַז זי האָט מיך דערקענט. זי איז געשטאַנען אַרומגערינגלט מיט חברים, מיט זיי געשמועסט, קאָקעטירט און געלאַכט. אַז זי האָט מיך דערזען, איז זי אַרויס פון איר קאָמפּאַניע, צוגעגאַנגען צו מיר און מיך אָנגערופן ביי מיין נאָמען.

— אין וועלכן לאַגער זענט איר געווען? — איז געווען מיין ערשטע פראַגע. איך בין געווען זיכער אַז זי איז איינע פון די אונגאַרישע פרויען, וועלכע זענען

געוועזן מיט אונדז צוזאַמען אין די פֿאַרשידענע קאָנצענ־טראַציע־לאַגערן. זי האָט זיך באַפֿרייט אין איינעם פֿון די לאַגערן און געקומען צוריק קיין בודאַפּעשט.

— ניין — זאָגט זי — מיר זענען ניט געווען צוזאַמען אין לאַגער. איר דערקענט מיר ניט? איך בין פֿון קאָוונע.

— אין לאַגער זייט איר ניט געווען? איז אויב אַזוי, ווי קומט איר אַהער אין בודאַפּעשט?

— מיר זענען געקומען צוזאַמען, אַ גרופּע ליטווישע יידן, וועלכע זענען אַנטלאָפֿן פֿון געטאָ, זיך אויסבאַ־האַלטן ביז דער באַפֿרייונג און איצט פֿאָרן מיר אַלע קיין פּאַלעסטינע.

איך האָב זיך אַ טרייסל געטאָן און גאָרניט געהערט וואָס זי האָט געזאָגט. אַלץ האָט זיך מיר אויסגעמישט אין איין געווירבל. ווו ליטווישע יידן? וואָס פּאַלעס־טינע? מיט אַ מאָל ליטווישע יידן אין מיטן פֿון דער פֿרעמדער ווייטער וועלט? איך האָב גאָרניט פֿאַרשטאַ־נען.

— זעט, דאָקטאָר — זאָגט זי — איר ווייסט דאָך מסתמא, אַז אייער קינד געפֿינט זיך אין בוקאַרעשט, צוזאַמען מיט אַ גרופּע יידישע יתומים און זיי פֿאָרן שוין אויך קיין פּאַלעסטינע.

אַ שווינדער איז מיך באַפֿאַלן, איך האָב פֿאַרלאָרן מיינע זעלישע טאָרמאָזן, מיין קלאָרן באַוווּסטזיין און אָנגעהויבן שרייען, און זי שלאָגן איבערן קאָפּ און איבערן פּנים:

— דו ביסט געקומען מיך אויסלאַכן — האָב איך געשריען מיט אַ ווילד הייזעריק קול — שיטן זאַלץ אויף מיינע ווּנדן. איך האָב מיין קינד געלאָזן אין ליטע אין אַ דאָרף ביי זיין ניאַניע; איז ווי קומט ער קיין בוקאַרעשט ?

די בחורים, אירע חברים, וועלכע זענען פריער געשטאַנען נעבן איר, האָבן זיך אַ רים געטאָן פון אָרט, צוגעלאָפן צו מיר, מיך באַפאַלן מיט די פויסטן און געוואָלט מיך שלאָגן און באַשיצן זייער חברטע. דאָס בלאָנדע מיידל האָט זיך אָבער אַוועקגעשטעלט צווישן מיר און זיי, זיך אויסגעגלייכט, פאַרגלעט אירע צעש־טרייטע האָר און מיט אַ מילדן שמייכל אַ זאָג געטאָן:

— איך פאַרשטיי, דאָקטאָר, אייער אויפרעגונג, איך האָב געמיינט, אַז איר קומט מיט די זעלבע ווענן וואָס מיר, איצט, באַרויִקט זיך און הערט מיך אויס:

— אייער קוזינע, וואָס איז אַרויס פון געטאָ און זיך פאַרשטעקט ביי אַ פויער, האָט געבראַכט אייער קינד ביז בוקאַרעשט און דאָרטן אים צוגעשריבן צו אַ גרופּע פון טויזנט יתומים. זיי זיצן שוין אויף אַ שיף און זיי זענען שוין אויפן וועג קיין פּאַלעסטינע.

איך האָב זיך אַ טרייסל געטאָן ווי מען גיט זיך אַ טרייסל נאָך דעם ווי מען כאַפּט זיך אויף פון אַ פאַרחלשטן צושטאַנד. ווידער האָב איך גאָרניט פאַר־שטאַנען.

— וועלכע קוזינע ? — פרעג איך. אַז זי האָט דער־מאָנט איר נאָמען, האָב איך אַלץ ניט געוווּסט וועמען

זי מיינט, ווידער איבערגעפּרעגט און ווידער גאָרניט פֿאַרשטאַנען.

— אייער קוזינע מיט איר מאַן זענען אויך אָנגעקומען מיט אונדז צוזאַמען קיין בודאַפּעשט, אַט לויף איך זיי ברענגען און זיי וועלן אייך שוין אַלץ דערציילן. זי איז גלייך אַוועקגעלאָפֿן און פֿאַרשוווּנדן.

אַ קאַלטער שווידער האָט אויפֿגעשטעלט מיינע האָר אויפֿן קאָפּ. איך האָב אָנגעהויבן שפּרייזן הין און צוריק. געגלעט דעם קאָפּ, כדי צו פֿאַרגלעטן די האָר און דעם קאַלטן שווידער־געפּיל אויף מיין שיידל. אויף דעם הויף פֿון קאָמיטעט האָב איך געשפּרייזט ווי אַ ווילדער טיגער, הין און צוריק, הין און צוריק, ביז איך האָב זיך פֿאַרגראָבן אין אַ נישע צווישן צוויי הויכע בעטאָן־קאָלאָנען. איך בין געשטאַנען פֿאַרגליווערט און מיט שאַרפֿע אויגן געקוקט אין דער ווייט. אין די מינוטן האָב איך פֿון גאָרניט געטראַכט, נאָר געשטאַנען פֿאַרקראַמפּט מיט אַלע מוסקולן פֿון מיין קערפּער, פֿאַרביסן מיט די ציין און געוואַרט.

מיט אַ מאָל האָב איך דערזען צוויי סילועטן פֿון יענער גאַס. דאָס זענען זיי — די קוזינע מיט איר מאַן. זי לויפֿט מיט קליינע גיכע טריט. דאָס מיידל, וואָס האָט מיך געפֿונען לויפֿט פֿאָרויס און ווייזט אָן מיט אַ פֿינגער דאָס אָרט ווו זי האָט מיך געלאָזן. איך האָב זיך אַרויסגעריסן פֿון דער שטיינערנער נישע און מיט צעשפּרייטע הענט געלאָפֿן זיי אַנטקעגן. מיר האָבן זיך צוויי יאָר ניט געזען. זיי זענען אַנטלאָפֿן מיט זייער

קינד פון געטאָ, זיך פאַרשטעקט, און זיך באַפרייט דורך דער רויטער אַרמיי. פון דאַן אָן האָבן מיר גאָרניט געוווּסט איינער פון צווייטן.

זיי האָבן געזען, אַז איך זע אויס ווי אַ פאַריאָגטע, צעשראָקענע חיה, האָבן זיי מיט מיר ניט גערעדט, נאָר גענומען מיך פאַרן האַנט און געפירט צו זיך אין זייער אכסניה אַריין. איך האָב זיך כסדר אויסגעדרייט און אַרומגעקוקט הינטער זיך: איך האָב אַלץ מורא געהאַט, אַז מען גייט מיר נאָך, אַט באַלד וועט מען מיך דערקענען, אָפּרייסן פון זיי און ווידער וועל איך בלייבן אַליין. זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען פאַר וואָס איך זע אויס אַזוי צעשראָקן און פאַר וועמען איך האָב אַזוי מורא.

אונטערוועגנס האָבן זיי מיר שוין דערציילט, אַז פאַרלאָזנדיק ליטע, האָבן זיי זיך דערוווּסט, אַז מיין פרוי און איך זענען ניטאָ, דעריבער האָבן זיי מיט געוואַלד אַוועקגענומען דאָס קינד פון זיין ניאַניע און שוין צען מאָנאַט ווי זיי וואַלגערן זיך פון איין סטאַציע אויף אַ צווייטער, ביז זיי האָבן זיך דערשלאָגן קיין בוקאַרעשט. מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָבן זיי, צוליב אַ מסירה, געמוזט פאַרלאָזן בוקאַרעשט און לויפן ווייטער. אים, מיין זונעלע, האָבן זיי אָנגעשלאָסן אָן אַ גרופּע פון טויזנט יידישע יתומים און נאָך זייער רעכענונג זענען זיי שוין אונטערוועגנס קיין פּאַלעסטינע. פונקט נעכטן, ווען איך בין אָנגעקומען פון איין עק וועלט, זענען זיי אָנגעקומען פון צווייטן עק וועלט — אויך קיין בודאַפּעשט.

זיי האָבן מיך געבראַכט אין אַ גרויסן זאַל, ווו אויפן

דיל זענען געווען אויסגעלייגט מאַטראַצן און צווישן די מאַטראַצן האָב איך דערקענט אַלטע חברים, פריינד און באַקאַנטע. זיי האָבן מיך באַלד אַריינגענומען אין זייערע אָרעמס און זיי האָבן זיך געפרייט צו טרעפן אַ לעבעדיקן ייד, וואָס האָט זיך געראַטעוועט פון די לאַגערן.

זיי האָבן מיך באַשאָטן מיט פראַגן, אָבער איך בין ניט געווען בכוח צו ענטפערן. איך האָב נאָר געשפרייזט פון איין עק זאַל צום צווייטן, געגלעט דעם קאָפּ און ניט פאַרשטאַנען, וואָס עס האָט דאָ מיט מיר פּאַסירט. פון אַזאַ איינזאַמקייט בין איך, מיט אַ מאָל, אַריינגעפאַלן אין אַזאַ גרויסער משפּחה. מיין קוזינע האָט אַרויסגענומען אַ קליינע פאָטאָגראַפיע פון מיין קינד. איך האָב אַריינגעשטאָכן מיינע בליקן אין זיינע אויגן און דערקענט זיינע צאַרטע, קינדישע געזיכטס-שטריכן. ער האָט אויסגעזען זייער אויסגעמאָגערט, מיט גלאַטע אָפּגעשניטענע האָר און אַ לענגלעך, איינגעפאַלן פּנים. איך האָב איינגעקלעמט זיין פאָטאָ אין מיינע פינגער און שטילערהייט גערעדט צו אים. איך האָב אים באַרויִקט און אים צוגעזאָגט, אַז אָט-אָט וועל איך אים אַריינכאַפּן אין מיינע אָרעמס, צעקושן אַלע זיינע גלידער און ניט אָפּלאָזן אים מער פון זיך אויף אייביק.

אויף מיין פראַגע צי האָט ווער געהערט וועגן דעם גורל פון מיין פרוי, האָט מען געשוויגן. מיין קוזינע, וועלכע האָט זי געזוכט און זיך נאָכגעפרעגט ביי יידן, וועלכע זי האָט געטראָפן אונטערוועגנס, האָט געזאָגט אַז ניין, זי ווייס גאָרניט וועגן איר. אָבער איר ניין איז געווען אַן

אומזיכערער און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זי באַהאַלט וואָס פון מיר און וויל מיר ניט דערציילן דעם אמת.

אַז איך בין געקומען צו זיך פון דעם טיפן שאָק, אין וועלכן איך בין געווען פאַרזונקען, האָט מען מיך אָנגעשלאָסן אין דער גרופּע יידן און איך האָב זיך אַריינגעשוּוענקט אין אַ געהיימען און אומזעבאַרן שטראָם, וואָס האָט געהייסן עליה ב׳. שוין מאָנאַטן, ווי זיי ווערן געשלעפּט פון דעם שטראָם. איך אָבער האָב גאָרניט פאַרשטאַנען, ניט די באַדייטונג, און ניט געוווּסט פון אַזאַ באַגריף און וואָס דאָס מיינט. איך בין דאָך געקומען פון גאָר אַן אַנדער ריכטונג, וואָס איז געלעגן ווייט און אָן אַ זייט פון דער משיחישער באַוועגונג. מיך האָט דער גורל פאַרוואָרפן אויף זייטיקע וועגן און אַזוי צופעליק, ווי אַ פאַרלאָרענער רינג, האָב איך צוריק אַריינגעקייטלט זיך אין זיין אַלטער קייט.

קיינער האָט מיך ניט געפרעגט צי וויל איך אויך קיין פּאַלעסטינע. ס׳איז געווען זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דער שטראָם האָט מיך אויך פאַרכאַפּט און געטראָגן צוזאַמען מיט די אַלע רעשטלעך, וואָס זענען נאָך געבליבן פון דער גרויסער שריפה.

אין איינעם אַ פרימאָרגן האָט מען מיך אַריינגעפירט אין אַ צימער, ווו ביי אַ שרייבטיש איז געזעסן אַ יונגער בחור מיט אַ פלאַם-רויטער טשופרינע. זיין בליק איז געווען ערנסט און זאַכלעך, און זיין פנים, אויסגעזייט מיט זומערשפּרענקלעך, האָט אויסגעזען ענערגיש און

באַזאָרגט. ער האָט מיר דערלאַנגט אַ דאָקומענט און דערקלערט קורץ און דייטלעך:

— דו ביסט געבוירן געוואָרן אין אינסברוק, דו רעדסט נאָר דייטש, און דו קערסט זיך אום נאָך דער מלחמה צוריק אַהיים אין דיין געבוירן-שטאָט. דער חבר ד. וועט דיר געבן אַ קורצע אינפאָרמאַציע וועגן דער שטאָט אינסברוק און דו וועסט מיטגיין מיט אונדז.

פון אים בין איך אַריין אין אַ צווייטן צימער, דאָרט איז געזעסן גאָר אַ יונג יינגל מיט אַ פּאָר קלוגע, זשולי-קעוואַטע אויגן, און שנעל, ווי ער וואָלט געמורמלט אויסנווייניק אַ קאַפּיטל תהילים, געזאָגט:

— דו ביסט פון אינסברוק, די שטאָט ליגט אויפן טייך „אין", די הויפּט-גאַס הייסט אַזוי און אַזוי, די צאָל באַפעלקערונג אַזאַ, דער הויפּט-פּלאַץ הייסט אַזוי און דאָרט שטייט אַ מאָנומענט פון... א.א.וו. — בקיצור, אַלץ וואָס עס דאַרף וויסן אַ מענטש, וועלכער איז געבוירן און האָט געלעבט אין דער שטאָט אינסברוק.

ווען איך בין אַרויס פון די צוויי בחורים האָב איך געפילט אַזאַ זיכערקייט, אַז איך האָב שוין פאַר קיינעם קיין מורא ניט געהאַט. איך בין געוואָרן אַ גליד פון אַ גרויסער משפּחה און ווו זיי וועלן גיין — וועל איך מיטגיין. איך האָב געוווּסט, אַז איך געפין זיך אין פּעסטע אָרעמס און אַז אַן אומבאַקאַנטער כוח באַוואַכט מיך, זאָרגט פאַר אַלע מיינע נויטן און, דער עיקר, דער געהיימער כוח וויים גענוי ווו עס פירט דער וועג און ווו עס ליגט אונדזער לעצטע סטאַציע. איך האָב באַקומען

אַ פּעקל מיט וועש, קליידער און אַנדערע נויטיקע קלייני־קייטן, און דער מאַטראַץ וואָס איז געלעגן אויפֿן באָדן איז ווידער געוואָרן אַ וואַרעמע היים.

לאַנג זענען מיר אין בודאַפּעשט ניט געבליבן. צוויי נעכט געשלאָפֿן אין דער אכסניה און די יידן אַרום מיר האָבן גענומען צוזאַמענבינדן זייערע פּעקלעך און זיך גרייטן אין וועג אַריין. ווער עס איז האָט באַפוילן, מען גייט, און מיר, ווי קינדער, וועלכע ווערן געפירט מיט דער זיכערער האַנט פון אַ מאַמען, זענען נאָכגעגאַנגען דעם געהיימען באַפעל.

מיר זענען אָנגעקומען אויפֿן בודאַפּעשטער וואָקזאַל, אַריינגעפּרעסט זיך אין אייניקע פּאַסאַזשיר־וואַגאָנעם, געזעסן און געוואַרט. אויף מיין פראַגע, ווו מען פאָרט, האָט מען געענטפערט: זאָרגט זיך ניט, מען וועט שוין פאָרן. דריי טעג און דריי נעכט זענען מיר געזעסן אין די וואַגאָנעם, אַרויסשפּאַצירט אין די שכנותדיקע גאַסן, און ווידער אַריין. די וואַגאָנעם זענען געוואָרן אונדזער צייטווייליקער האָטעל. די פּאַסאַזשירן, וועלכע האָבן שוין מאָנאַטן געוואַרט, זענען שוין געוווינט געווען געדולדיק צו וואַרטן, מסתמא אַז דער צוג שטייט — דאַרף ער שטיין.

אַ יונגער, אומבאַקאַנטער בחור איז דורכגעלאָפֿן די וואַגאָנעם און מיט אַ זאַכלעכן טאָן דערקלערט די סיבה פאַר וואָס מיר שטייען דאָ אַזוי לאַנג. עס פעלן לאָקאָמאָ־טיוון, איינער טשעפעט צו אַ לאָקאָמאָטיוו צו אונדזער צוג, און אַ צווייטער טשעפעט אים אָפּ. זעט זיך אויס,

אַז זיי האָבן וויכטיקערע צוועקן ווי צו פירן יידן קיין פּאַלעסטינע. אין די וואַגאָנעס האָט מען געגעסן, געשלאָפן, געזונגען און געוואַרט. דאָרט האָב איך צום ערשטן מאָל געהערט דאָס ליד פון הירש גליק „זאָג נישט קיין מאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג". אַז עס פלעגט ווערן לאַנגווייליק און קאַלאָמוטנע אויפן האַרצן, האָט דאָס ליד אַרויסגעהילכט פון אַלע וואַגאָנעס און דער עכאָ האָט זיך צוריקגעקערט פון גאָר גאָר ווייט. די ווערטער פון דעם ליד האָבן אַרויסגעזונגען פון יעדן האַרץ, יעדער איינער פון אונדז איז געווען „אַ שפּראָץ פון אונדזער בלוט" און מיר פאָרן אַהין „פאַרפלאַנצן אונדזער גבורה און אונדזער מוט".

אין די וואַגאָנעס איז געווען אַ סך צייט צו ריידן און מען האָט גערעדט איינער מיטן צווייטן כדי זיך וואָס מער אַראָפּצוריידן. יעדער פון אונדז האָט אַזוי פיל אַדורכגעמאַכט, ביי יעדן האָט זיך אָנגעקליבן אַזוי פיל פּאַסירונגען, איבערלעבונגען, דערפאַרונגען און עמאָציעס, אַז עס האָט אַרויסגעשפּאַרט פון יעדן ווי אַ לאַווע אונטער אַ ריזיקן דרוק. מען האָט ניט אויפגעהערט זיך דערציילן, אַז יעדער איינער האָט זיך באַמיט, ווי אין אַ וועט-לויף, ווער וועט דערציילן פון זיך נאָך מער אויסטערלישע איבערלעבונגען, נאָך מער גרויזאַמקייטן און, דער עיקר, נאָך מער נסים, ווען און ווי אַזוי ער האָט זיך געראַטעוועט.

אין דער גרופּע יידן בין איך געווען דער איינציקער, וואָס איז ניט אַנטלאָפן פון געטאָ, געגאַנגען ווו מען האָט

געטריבן און פאַרבראַכט דעם שווערסטן מלחמה־יאָר אין דאַכאַו־לאַגער. מיין רייזע אַהיים, מיינע איבערלעבונגען נאָך דער מלחמה, מיינע אַנטוישונגען אונטערוועגס, מיין אַנטלויפן פון דעם סאָוויעטישן טראַנזיט־לאַגער, דאָס אַלץ האָב איך דערציילט יעדן באַזונדער און איבערגע־חזרט אָן אַן אויפהער. יידן האָבן זיך אַרומגעזעצט אַרום מיר אין וואַגאָן און איך פלעג ריידן, און דערציילן אָן אַ שיעור.

פון דעם בודאַפּעשטער וואָקזאַל האָב איך געשריבן אַ פּאָסטקאַרט צו מיין פריינד אין שטעטל. ער האָט דאָך כסדר געטענהט, אַז ער זעט בכוח הדמיון, אַז מיין גליק וואַרט אויף מיר ניט ווייט פון הי. מיין בריוו איז געווען פול מיט ליבע און דאַנקבאַרקייט. איך האָב אים געשריבן, אַז זיין נבואה איז מקוים געוואָרן, אַז מיין גליק איז טאַקע ניט ווייט פון מיר, אַז איך האָב געפונען מיין קינד און איך בעט אים געבן צו וויסן מיין חבר דעם כירורג, וואָס איז געבליבן אַליין אין דאָרף, ער זאָל נאָכפאָלגן מיינע טריט. דאָס פּאָסטקאַרטל, וואָס כ׳האָב געשריבן אויפן בודאַפּעשטער וואָקזאַל, איז געוואָרן, ווי אין אַ שפּאַנענדיקן קרימינאַל־ראָמאַן, דער פאָדעם וואָס האָט פאַרבונדן און צוריק צוזאַמענגענומען מיין גאַנצע משפּחה. דער כירורג, וואָס האָט געהערט, אַז איך האָב געפונען מיין קינד, איז דורך לאַנגע זיגזאַג־וועגן דערפאָרן קיין ווילנע. דאָרטן האָט ער געטראָפן אַ לערערין, וואָס האָט זיך דורכגעשריבן מיטן פאָטער פון מיין פרוי, וועלכער איז פאַר דער מלחמה פאַרטריבן

געוואָרן אַלס ציוניסט קיין סיביר. די לערערין האָט געשריבן דעם פֿאָטער קיין סיביר, אַז איך האָב געפֿונען מיין קינד און מיר פֿאָרן ביידע קיין פּאַלעסטינע. מיין פרוי, וועלכע האָט זיך צו יענער צייט געוואַלגערט אין דער רוסישער זאָנע, האָט זיך פֿאַרבונדן מיט דער אַלטער באַקאַנטער לערערין און פֿון איר זיך דערוווּסט דעם אַדרעס פֿון איר פֿאָטער אין סיביר. מיין פרוי האָט זיך מיט אים פֿאַרבונדן און ער האָט איר געגעבן צו וויסן פֿון וויטן סיביר, אַז איך און דאָס קינד לעבן און זענען אַוועק קיין פּאַלעסטינע.

כאָטש די פּרטים זענען ניט געווען גאַנץ פּינקטלעך, נאָר דורך דעם פּאָסטקאַרטל, וואָס איך האָב געשריבן אויפֿן בודאַפּעשטער וואָקזאַל, האָט זיך מיין פרוי דער־וווּסט, אַז מיר לעבן און אַנשטאָט צו לויפֿן קיין ליטע זוכן דאָס קינד — דאַרף זי לויפֿן צוריק, קיין פּאַלעסטינע.

די פּאַסאַזשירן־וואַגאָנעס אויפֿן וואָקזאַל זענען גע־וואָרן די צייטוויייליקע היים פֿון די פּאָר הונדערט יידן. צווישן אונדז זענען געווען פֿאַמיליעס מיט קינדער, יונגע פרויען און מענער און האַלבע פּאָרן, וועלכע די מלחמה האָט צעריסן. ביינאַכט, אין די פֿינצטערע וואַגאָנעס, אַז עס פֿלעגט ווער אָנצינדן אַ שוועבעלע, כדי צו פֿאַר־רויכערן, און אין וואַגאָן פֿלעגט ווערן ליכטיק, האָסטו מיט אַ מאָל דערזען ווי מענער און פרויען צערטלען זיך, קושן זיך, ליבן זיך און פֿלעכטן זיך אַריין איינער אין צווייטן. צעריסענע, איינזאַמע מענטשן האָבן זיך פֿון דאָס ניי צוגעקלעפּט איינער צום צווייטן, געזוכט

נאָענטקייט און וואַרעמקייט נאָך לאַנגע יאָרן פון איינזאַמקייט און מעקסועלן הונגער. יעדער האָט געזוכט צערטלעכקייט און ליבע און אין די וואַגאָנעס האָבן זיך אַרויסגעשיילט נייע פּאָרן, ווו איינער האָט געזאָרגט פאַרן צווייטן, איינער געטרייסט דעם צווייטן און צוזאַמען געמאַכט פּלענער אָנצוהויבן זייער לעבן פון דאָס ניי.

אומדערוואַרט האָט זיך אַ ריר געטאָן דער צוג. ווו פאָרט מען? וואָס אַרט דיר, אַבי מען פאָרט. דוכט זיך קיין עסטרייך, האָט געזאָגט מיין שכן, וואָס האָט געוווסט גוט די געגנט. אין צוג האָבן מיר באַקומען אָנווייזונגען, ווער מיר זענען, ווו מיר פאָרן און וואָסער שפּראַך מיר ריידן.

מיר זענען אָנגעקומען אויף אַ סטאַציע, פאַרלאָזן די סטאַציע, זיך אויפגעזעצט אויף אַ טראַמוויי, צוזאַמען אַראָפּ פון טראַמוויי, אַריין אין אַ האָטעל, זיך אויסגעלייגט אויף בעטלעך און ווידער געוואַרט. ווער האָט געוווסט געענוי ווו אויסשטייגן פון באַן, מיט וועלכן טראַמוויי מען פאָרט, ווו מען דאַרף אויסשטייגן? ווער האָט דאָס געזאָרגט פאַר אַלץ, ווער האָט צוגעגרייט דעם האָטעל, דאָס עסן און אַ ווייך געלעגער? מיר האָבן געוווסט, אַז עס איז דאָ דער, וואָס פּלאַנט אַלץ פאָרויס, וואָס ווייס אַלץ פאָרויס און וואָס זאָרגט פאַר אַלץ. ווער איז דאָס דער מיסטישער „ווער" האָט קיינער נישט געוווסט.

אויף מאָרגן האָבן מיר פאַרלאָזט דעם האָטעל, אַרויף

אויף אַ לאַסט-אויטאָ, געפאָרן אַ פּאָר שעה און אָנגעקומען אין אַ פאַרוואָרפן דאָרף. אין דאָרף איז שוין געווען צוגעגרייט פאַר אונדז אַ פאָלקס-שול, ווו מיר האָבן זיך אויסגעלייגט אויפן באָדן, זיך אויסגערוט און ווידער געוואַרט אויף ווייטערדיקע אָנווייזונגען.

די געהיימע האַנט, וואָס האָט אונדז באַגלייט, האָט שוין ווידער געזאָרגט עס זאָל זיין וואָס צום עסן און צום טרינקען. אין גרויסן שול-צימער, ווו מיר האָבן זיך פאַרקליבן, איז אַריין אַ יונג בחורל פון אַ יאָר אַכצן, מיט צעקרייזלטע האָר, אַ פּאָר ברענענדיקע אויגן און אַ ברייט-צעעפנטער בלוזע. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אין מיטן און מיר אַלע אַרום אים. ער איז געקומען געבן די לעצטע אָנווייזונגען. מאָרגן גאַנץ פרי גייט מען אַרויס. מען גייט צו צוויי, איין פּאָר איז אָפּגערוקט פון דער צווייטער פופציק מעטער. דעריבער גייט יעדע פּאָר אַרויס עטלעכע מינוט שפּעטער פון דער ערשטער. יעדער איינער באַמיט זיך ניט צו פאַרלירן די פאָדערשטע פּאָר פון די אויגן. אויב מען וועט וועמען פאַרהאַלטן — שווייגן, ניט דערציילן גאָרניט. דאָ איז איינע פון די אויסגעטראָטענע שטעגן פאַר דער אומלעגאַלער עליה. דאָ גייען מיר שוואַרצן די גרענעץ צווישן דער רוסישער זאָנע אין עסטרייך און דער ענגלישער זאָנע. דאָ דאַרף מען זיין וואַך און הערן יעדן באַפעל. זיינע אָנווייזונגען זענען געווען קורץ, קלאָר און זאַכלעך.

מיר האָבן פאַרביימאַרשירט פעלדער פון קאָרן, דורכגעשניטן גרינע לאָנקעס מיט הויכן גראָז, וואָס איז

געוועז העכער פון אונדז, זיך פאַרשטעקט הינטער בערג־לעך, אַריבערגעשפּרונגען אַ טייכל, מיט אַ מאָל האָב איך פאַרלאָרן מיין פאָדערשטע פּאָר, וואָס האָט מאַרשירט פאָרויס פון מיר. באַלד בין איך געשטאַנען פאַרן קרייצ־וועג און שוין נישט געוווּסט ווו צו גיין ווייטער. מיט אַ מאָל, ווי פון אונטער דער ערד, האָט אויפגעטויכט אַ רויט־האָריקער בחור, געגאַנגען נעבן מיר און מיט אַ באַפעלערישן טאָן מיך אָנגעשריען און געהייסן לויפן צוריק. „דו ביסט אַרויף אויף אַ פאַלשן וועג, לויף צוריק און נעם רעכטס".

נאָך דעם ווי מיר האָבן געשפּאַנט אַ פּאָר שעה, זענען מיר אַריין אין אַ געדיכט וועלדל, וואָס האָט געקלעטערט באַרג אַרויף. דורך דעם געדיכטן וואַלד האָט זיך געשלענגלט אַן אויסגעטראָטן שטעגל, וואָס האָט געפירט אַרויף. אויף דעם שטעגל האָבן זיך די פּאָרן שוין דערנענטערט איינער צום צווייטן, דער אָפענער פעכער האָט זיך געשלאָסן און מיר זענען שוין אַלע אויפן שפּיץ פון דעם וואַלדיקן בערגל.

מיר האָבן זיך אויסגעזעצט אָפּרוען פון דעם לאַנגן וועג. די פּאָר יונגע בחורים, וואָס האָבן אונדז געפירט, האָבן זיך עפּעס געסודעט, אָנגעוויזן מיטן פינגער אויף אַ זייטיקן וועג, וואָס פירט באַרג־אַראָפּ, און ווי צוויי גענעראַלן אויסגעאַרבעט דעם ווייטערדיקן מאַרשרוט. פּלוצים איז דערשינען אַ רוסישער זעלנער, זיך פריינדלעך באַגריסט מיט אונדזערע באַגלייטער, ווי אַן אַלטער באַקאַנטער. איך האָב געזען ווי איינער פון די

בחורים האָט אים אַריינגערוקט אין האַנט אַ קליין פּעקעלע און נאָך דעם האָט ער זיי דערקלערט גענוי וואָס זיי האָבן צו טאָן. איינער פון זיי האָט געגעבן אַ סימן, אויפגעהויבן די האַנט, און מיר זענען אויפגעשטאַנען און אַוועק ווייטער דורך דעם געדיכטן וועלדל באַרג־אַראָפּ. אַז מיר זענען אַראָפּ אונטן, האָט זיך מיט אַ מאָל אויפגעעפנט אַ ברייטער האָריזאָנט מיט ווייטע פעלדער.

קיינער האָט גאָרניט געזאָגט און קיינער גאָרניט באַפוילן, ווי מיר וואָלטן זיך צוזאַמענגערעדט, האָבן מיר אָנגעהויבן לויפן. פּלוצים זעען מיר ווי אין מיטן פעלד גייט אַ הויכער סאָלדאַט מיט אַ רונדן בערעט און מיט אַן אומבאַקאַנטן אוניפאָרם, צו וועלכן מיר זענען ניט געוווינט געווען. ווער עס איז האָט אויסגעשריען: אַן ענגלישער סאָלדאַט! און מיט אַ מאָל האָט געפּלאַצט ווי אַ לופטבאַלאָן די גאַנצע שפּאַנונג וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט ביים שוואַרצן די גרענעץ. איך זע ווי דער ענגלישער סאָלדאַט גייט זיך זיין ריכטונג מיטן רוקן צו אונדז, קוקט זיך גאָרניט אום און פרעגט גאָרניט. עס אַרט אים ניט און עס גייט אים נישט אָן ווער עס זענען די מענטשן, וואָס מאַרשירן דאָ דורך די פעלדער. איך קען דאָס נישט באַגרייפן. מיר זענען געלאָפן, זיך פאַרשטעקט, געשוואַרצט די גרענעץ און ער — ווי ניט אים מיינט מען דאָס, וואָס איז דאָס זיין עסק, אַז מענטשן גייען דורך די פעלדער, זאָלן זיי גיין. דער אויסטערלישער, אויסגעצויגענער ענגלענדער איז מיט אַ מאָל געוואָרן אין מיינע אויגן דער פאַרשטייער פון דער פרייער וועלט. מיט אַ

מאָל דאַרף מען גאָרניט מורא האָבן, קיינער יאָגט דיך ניט און פאַרפאָלגט דיך ניט. מען דאַרף שוין מער ניט שטיין אין אַ ריי, גיין אין שורות. יעדער מאַכט וואָס ער וויל, גייט ווי ער וויל, שטייט ווי ער וויל. דער ענגלענדער איז מיר געוואָרן אַזוי נאָענט, אַז ווען איך שעם זיך ניט, לויף איך צו אים, נעם אים אַרום און זאָג אים: ווייסט גאָרניט, ענגלענדער, ווי גוט און ווויל עס איז מיט דיר.

***

די האַנט, וואָס האָט אונדז געבראַכט אַהער, האָט אונדז אַריינגעפירט אין אַ גרויסן ליידיקן באַראַק, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן פון אַ געוועזענעם עסטרייכי־שן מיליטער־לאַגער. מיר האָבן געוווּסט, אַז מיר זענען נאָענט צו אַ גרויסן דאָרף, אָבער דאָס דאָרף האָבן מיר ניט געזען. אין דעם באַראַק זענען געווען שטאָקיקע מיליטער־בעטלעך. מיר האָבן אָפּגעגעסן, זיך געמיטלעך פאַנאַנדערגעלייגט, אויסגערוט און זיך ווידער געגרייט אין וועג אַריין. קיינער פון אונדז האָט ניט געקענט די געגנט, אָבער יעדער פון אונדז האָט געטראָגן אַ פּיל־באַרן קאָמפּאַס אין זיין האַרצן. די ריכטונג איז געווען קלאָר: צוערשט קיין דרום און נאָך דעם קיין מזרח. כאָטש מיר האָבן אַלע געוווּסט די ריכטונג און דעם ציל, דאָך האָט אָבער קיינער פון אונדז נישט געוווּסט ווי און מיט וועלכע וועגן מיר וועלן זיך אַהין דערקלייבן.

די יידן, וואָס האָבן געוואַנדערט דורך אייראָפּע, זענען געווען געגליכן צו אַ דין טייכל, וואָס האָט זיך געשנירט דורך אַלערליי וועגן, פון צפון קיין דרום און פון מערב קיין מזרח. אין קלענערע און גרעסערע גרופּעס האָבן יידן זיך געטוליעט איינער צום צווייטן און אַ געהיימע האַנט האָט זיי געזוכט, צוזאַמענגענומען און אַוועקגעלאָזן מיטן שטראָם. קליינע צעשפּליטערטע גרופּעס האָבן זיך צו־זאַמענגעגאָסן אויפן וועג. יעדער איינער פון אונדז האָט געפילט אין זיך, אַז ער איז אַ שפּליטער פון אַ ריזיקן כוח, און אור־כוח, וואָס קען אי אויפבויען, אי צעשטערן גאַנצע וועלטן.

אין דעם גרויסן באַראַק האָבן זיך יעדן טאָג באַוויזן נייע פּנימער, יידן וואָס זענען אָנגעקומען פון אַלע עקן וועלט. איינער האָט דערציילט דעם צווייטן פון לאַנגע וואַנדערונגען, וואָס האָבן געפירט פון קאַלטן צפון און פון וויייטן מזרח. מען האָט זיך דערציילט פון געשוואַר־צטע גרענעצן, פון שווערע איבערלעבונגען און שטרוי־כלונגען. איבער די אַלפּן־בערג, וועלכע זענען געשטאַ־נען אין וועג, האָט מען צופוס געקלעטערט, געזונקען אין טיפן שניי און זיי אויך בייגעקומען. דאָ האָבן מיר זיך דערוווּסט וועגן עס פירט אָן מיט דער סטיכיע און מיט דער מענטשן־כוואַליע. יידישע פּאַלעסטינער סאָלדאַטן לויפן אַרום איבער גאַנץ אייראָפּע, זוכן אוים ווו נאָר עס געפינט זיך אַ לעבעדיקער ייד, נעמען זיי צוזאַמען און שיקן זיי קיין דרום, נעענטער צום ים. מיר האָבן עפּעס געהערט פון וויייטן, אַז דערווייל לאָזט מען נאָך

קיין פּאַלעסטינע ניט אַריין. אָבער די פראַגע האָט אונדז אין יענע טעג גאָר ווייניק אינטערעסירט. יעדער פון אונדז האָט געפילט, אַז קעגן דער לאַווינע און דעם כוח, וואָס האָט זיך אויסגעשמידט אין די אויוונס פון אושוויץ, וועט קיין כוח ניט וואַגן זיך אַקעגנצושטעלן. אויב ניט, וועט די מענטשן־לאַווע צערייבן אַלץ אונטער־וועגנס און דעם ציל דערגרייכן.

אונדזער זאַמלפּונקט, ווו מיר זענען געזעסן, איז געווען נאָר איינער פון צענדליקער טרעף־פּונקטן אין כלערליי לענדער פון אייראָפּע. די האַנט וואָס האָט געזוכט, געפונען און געפירט, האָט זיך אויסגעשטרעקט אַזש צו די סיבירער סטעפּעס, זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר קיינע געפאַרן, אָרגאַניזירט טראַנספּאָרטן, מאָביליזירט אויטאָמאָבילן, באַנען און שיפן; און אַלץ האָט זיך באַוועגט וואָס שנעלער און שנעלער און וואָס נעענטער צום ברעג פון ים.

אין איינעם אַ פרימאָרגן איז צוגעפאָרן צו אונדז אַ מיליטערישער טענדער און פון אים זענען אַראָפּגע־שפּרונגען צוויי זעלנער. אויף זייערע אַקסלען האָבן מיר דערזען קליינע, ווייס־בלויע פענדלעך מיט אַ מגן־דוד. אַרום באַראַק איז אויסגעבראָכן אַ שטורעם פון הוראַ־געוואַלדן, מען האָט זיי אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן, געשפּרונגען פון פרייד און מיט גרויסער ליבע אַריינ־געקוקט אין זייערע פּנימער. יעדער איינער האָט זיך געריסן אָנטאַפּן מיט זיין אייגענער האַנט דעם יידישן סאָלדאַט, ווי אַ פרומער ייד אַ ספר תורה. כאָטש מיר

האָבן שוין געוווּסט, אַז ערגעץ ווו זענען דאָ יידישע זעלנער פון פּאַלעסטינע, אָבער אַזוי נאָענט צו זען זיי נעבן זיך, אין זייער אוניפאָרם, מיט זייער ברידערלעכן שמייכל, איז געווען ווי דערזען משיחן, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צו אונדז אויף אַ מיליטערישן טענדער. זיי האָבן זיך באַלד אויסגעמישט צווישן אונדז, ווי זיי וואָלטן געווען אונדזעריקע. זיי האָבן אונדז דערציילט פון אַנדערע טראַנספּאָרטן, וואָס רוקן זיך צום ים, אונדז באַרויקט, מיר זאָלן האָבן געדולד, אַז מען פאַרגעסט אונדז נישט און אַלץ וועט זיין אין אָרדענונג.

דאָ, אויף דעם פּונקט, האָט מען זיך אָנגעשטויסן אויף אַן אומסימפּאַטישן ענגלישן קאָמענדאַנט. אָפּיציעל איז דאָ אַ זאַמל-לאַגער פאַר עסטרייכער, וואָס קומען צוריק אַהיים. ווען ער האָט דערשמעקט אַז דאָ קומען יידישע פּליטים, איז ער חושד, אַז מען גייט פון דאַנען קיין פּאַלעסטינע. דעריבער פאַרהאַלט ער דעם טראַנס-פּאָרט און לאָזט ניט פאָרן ווייטער. אָבער זייט רויק, ברידער — האָבן זיי געזאָגט — מיר האָבן שוין גרעסערע שטרויכלונגען געהאַט אויף אונדזער וועג און זיי אויך בייגעקומען. דער קאָמענדאַנט לאָזט ניט פאַרלאָזן דעם לאַגער — וועלן מיר גיין אַליין. עס איז שוין אַלץ בסדר. מאָרגן — האָט איינער פון זיי געזאָגט — וועט איר אַרויסגיין כלומרשט אויף אַ שפּאַציר, אויף דעם וועג וואָס פירט באַרג אַרויף. צוויי קילאָמעטער פון דאַנען וועלן אייך שוין אָפּוואַרטן אונדזערע אויטאָמאָבילן און מען וועט פאָרן ווייטער.

די אויפרעגונג און שמחה פון דער באַגעגעניש איז שווער צו שילדערן. יעדער פון אונדז האָט זיך מיט אַ מאָל דערפילט, אַז ער איז דאָס דער יידישער סאָלדאַט און איז גרייט אויספילן יעדן באַפעל. יידן, פאַרביטערטע פון דער מלחמה און לאַנגע וואַנדערוועגן, האָבן אויסגע־גלייכט די רוקנס; מידע פאַרלאָשענע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן. יעדער האָט איבערגעחזרט יעדעס וואָרט, וואָס די זעלנער האָבן געזאָגט, זיך באַרימט מיט זיי, ווי מיט אַ שטאַרקן עלטערן ברודער. אַלע קענען זיי און אַלע ווייסן זיי. זייער דערשיינען ביי אונדז האָט, ווי מיט אַ מעטעאָר, אַ לייכט געטאָן און פאַרגאָסן דעם הויף פון באַראַק מיט אַ העלן ליכט פון בטחון, גלויבן און האָפנונג.

פון דעם מאָמענט אַז איך האָב זיך ד׳ערוווּסט, אַז מיין זונעלע איז שוין אונטערוועגנס קיין ישראל, האָב איך פאַרלאָרן דאָס געדולד, אין יעדן מאַרש בין איך גע־לאָפן דער ערשטער, עס האָט זיך מיר געדוכט, אַז מיט יעדן טריט פאָרויס קום איך נעענטער צו אים. איך האָב שוין אומגעדולדיק געוואַרט אויפן מאָרגנדיקן טאָג און דער ערשטער געווען גרייט צום פריילעכן שפּאַציר. ווער אַליין און ווער פאָרוויז זענען מיר אָרוים שפּאַצירן אויפן שאָסיי. מיר זענען דורך אַ דאָרף, פאַרביי פאַרלאָזענע קאַזאַרמעס און אַרויס אויף אַ ברייטן וועג, וואָס האָט דורכגעשניטן ווייטע פעלדער.

יעדער איינער פון אונדז האָט געשיקט זיינע בליקן

אין דער ווייט, כדי דער ערשטער צו דערזען די אויטאָ-מאָבילן.

פון ווייטן זעען מיר שוין ווי עס הויבט זיך אויף אַ שטויב און פון דעם שטויב איז אַרויסגעשווומען אַ גאַנ-צער קאַראַוואַן פון לאַסט-אויטאָמאָבילן. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט נעבן אונדז און פון זיי זענען אַראָפּ-געשפּרונגען סאָלדאַטן מיט לאַכנדיקע פּנימער, אונדז געהאָלפן זיך אויסזעצן און אַוועק. מיר זענען געזעסן אין אויטאָ און געפילט, אַז אַ פּאָטערלעכע האַנט האָט זיך אַרויפגעלייגט אויף אונדזערע אַקסלען. מיר זענען לאַנגע שעהן געווען אונטערוועגנס, זיך אָפּגעשטעלט ווו, געגעסן פון זייערע קאָנסערוון און ווידער געפאָרן.

עס איז געווען אַ וואַרעמער, זוניקער טאָג און אונדזערע אויטאָמאָבילן זענען געקראָכן העכער און העכער באַרג אַרויף. מיר האָבן דורכגעשניטן דעם הערלעכן ברענער-פּאַס און מיט אויפגעריסענע אויגן באַוווּנדערט די שיינקייט פון די בערג. די אויטאָס האָבן געשטיגן נאָך העכער, אַריין אין די וואָלקנס און ווידער אַרויס. אַ קינד, וואָס איז געזעסן אין אונדזער אויטאָ און געווען פול התפעלות פון דער שיינער וועלט, האָט אויס-געשריען: מיר הויבן זיך אויף אין די הימלען ווי אליהו הנביא אויף זיין רייטוואָגן. קיינער פון אונדז האָט נאָך נישט געזען אין זיין לעבן אַזאַ שיינקייט פון אַזוינע הויכן. מיר האָבן געשלונגען אין זיך דאָס גליק און גע-טראַכט: געקאָנט אַזוי לייכט פאַרשווינדן און נישט האָבן געזען אַזוינע רייזיקע בערג און אַזאַ הערלעכן וועג. דער

געדאַנק פון „געקענט ניט זיין" פלעגט אָפט אַ שטאָך טאָן אין מוח, ווען אַ געפיל פון גליק און פרייד פלעגט מיך פאַרכאַפּן. אַ שיינע בלום, אַ שיינע פרוי, אַ שיינער וועג, אַ געשמאַק עסן, גוטע מוזיק, אַ גוטער וויין, אַלץ פלעגט דיך אַרויספירן אויף דעם געדאַנק, וויפל האָט געפעלט דו זאָלסט דאָס אַלץ ניט זען מער, ניט געניסן און ניט הנאה האָבן. דער וועג דורך די אַלפּן איז געווען אַ וועג פול מיט פרייד און הנאה. דער געדאַנק, אַז אין פראָנט פון אויטאָ זיצן יידישע זעלנער, וואָס פירן אונדז אַהינצו, נעענטער צום ציל, האָט געמאַכט דעם טאָג נאָך זוניקער, די רייזע נאָך לייכטער און די שעהן זענען געלאָפן נאָך גיכער פון די טעלעפאָן־סלופּעס אויפן שאָסיי.

פאַר נאַכט זענען מיר אָנגעקומען אין אַ מיליטער־לאַגער, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ פּאָר האָלץ־באַראַקן און אַרום די באַראַקן זענען געווען אויסגעזייט געצעלטן. הונדערטער סאָלדאַטן זענען אַרויסגעקראָכן פון זייערע געצעלטן, זיך אויסגעגלייכט און געלאָפן אונדז באַגע־גענען. זיי האָבן זיך אויסגעמישט צווישן אונדז, אַריינגע־רוקט ברייטע שלום־עליכמס און גלייך אָנגעהויבן נאָכ־פרעגן אויף זייערע משפחות, חברים און פריינד. כמעט אַלע האָבן געשטאַמט פון ליטע און פוילן און ווען אַ סאָלדאַט האָט געפונען זיינעם אַ לאַנדסמאַן, האָט ער אים באַלד אַדאָפּטירט פאַר זיך, זיך אַרומגעפירט מיט אים און געזאָרגט וועגן אים ווי אַן אייגענער ברודער.

מיך זענען באַפאַלן אַ גאַנצע כאָפּטע סאָלדאַטן,

וועלכע האָבן געשטאַמט פון ליטע. אַ סך האָבן מיך געקענט פון אַ מאָל, איינער פון די שול־יאָרן, אַ צווייטער אַלס סטודענט נאָך און אַ דריטער — שוין אַלס דאָקטאָר. צווישן זיי האָב איך געפונען חברים פון די סטודענטן־יאָרן און איינעם גאָר אַ נאָענטער חבר, וועלכער איז געווען דער דאָקטאָר פון דער מיליטערישער איינהייט. איך בין אַרומגעגאַנגען צווישן די באַראַקן ווי אין אַ חלום, יעדע מינוט געטראָפן אַן אַנדער חבר, און איך האָב ניט געוווּסט צו וועמען צו גיין. יעדער האָט געוואָלט וויסן פון זיינע נאָענטע וואָס ער האָט געלאָזן הינטער זיך, ווען ער איז אַוועק קיין פּאַלעסטינע. מיין חבר, דער דאָקטאָר, וועלכער איז געווען אַ חכם און אַוועק קיין ישראל פאַר דער מלחמה, האָט מיך געהאַלטן לעבן זיך ווי זיין פּריוואַט אייגנטום, און יעדער וואָס האָט געוואָלט מיט מיר ריידן, האָט געדאַרפט זיין דערלויבעניש.

ער האָט מיך אַריינגעפירט אין זיין צימער, געעפנט זיין שראַנק און געזאָגט, נעם וואָס דו ווילסט, קליידער און שיך און אַלץ וואָס דיין האַרץ גלוסט. איך בין געווען געקליידט אין אַלטע צעקנאָדערטע קליידער, מיט וועלכע איך האָב זיך אויסגעקייקלט אין שטויב און אין אַלע אַזילן אויף מיין לאַנגן וואַנדערוועג. איך האָב זיך ביי אים געוואַשן, באַקומען פון אים זויבערע וועש, אַ פּאָר קורצע מיליטער־הויזן און זיך דערפילט ניי געבאָרן. אין אַ גרויס צימער האָבן די זעלנער צוגעגרייט פאַר אונדז אַ קבלת־פּנים. לאַנגע טישן האָבן זיך געבראָכן פון אַלערליי מאכלים. מען האָט געשטאָפּט אין אונדז, ניט

געוואָרט מיר זאָלן אַליין נעמען, נאָר צוגעטראָגן, זיך געבעטן מען זאָל עסן, טרינקען און זיך פילן ווי אין דער היים.

די ערשטע באַגעגעניש מיט אונדזערע יידישע סאָל־דאַטן, וואָס האָבן אונדז צוזאַמענגענומען, אָנגעוואָרעמט און געהאָלפן, איז געווען איינע פון די טיפסטע איבער־לעבונגען אין אונדזער לאַנגער נאַכט פון ליידן. איך האָב זיך צוגעקוקט צו זייערע גליקלעכע פנימער, צו זייער וווילקייט, צו זייער גאַסטפריינדלעכקייט און צו זייערע זאָרגן מיר זאָלן זיין זאַט, מיר זאָלן זיך פילן גוט, מיר זאָלן ניט מיינען, אַז מיר באַלעסטיקן זיי. די באַ־געגעניש מיט זיי האָט מיר דערמאָנט מיין מאַמען; נאָר מיין מאַמע פלעגט מיך אַזוי באַגעגענען, ווען איך פלעג קומען אויף יום־טוב אַהיים זי באַזוכן.

***

יעדן פרימאָרגן זענען אַרויסגעפאָרן סאָלדאַטן מיט מאָטאָר־רעדער און לאַסט־אויטאָס און יעדן אָוונט פלעגן אָנקומען נייע טראַנספּאָרטן פון מענער און פרויען, און יעדער וואָס איז געקומען האָט געפילט אַז ער איז גע־קומען צו זיך אַהיים. דער מיליטער־לאַגער האָט פאַר־לאָרן זיין מיליטערישן אויסזען. מער ציווילע ווי סאָל־דאַטן האָבן באַזעצט די באַראַקן און די געצעלטן. זיך אַרומגעדרייט, געשמועסט, הנאה געהאַט פון גוטן עסן, פון דער היימישער אַטמאָספער און פון די גרינע פעלדער

אַרום, וואָס האָבן ווי מיט אַן אָרעם אַרומגערינגלט דעם לאַגער. צווישן די אָנגעקומענע יידן זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן דורכגעקרייצט אייראָפּע אין דער לענג און אין דער ברייט און זיי האָבן געוווּסט פון אַלץ און פון אַלעמען. די יידן זענען געוואָרן אַ צענטער פאַר אינפאָר־מאַציע און יעדער איינער האָט זיי געזוכט, כדי זיך נאָכצופרעגן אפשר וועגן זיי פון קרובים, באַקאַנטע. די סאָלדאַטן, וואָס זענען אַרומגעלאָפן און באַזוכט שטעט, שטעטלעך פון דייטשלאַנד, עסטרייך און איטאַליע, האָבן אויך געבראַכט ידיעות און דער לאַגער האָט זיך פאַר־וואַנדלט אין אַ גרויס אינפאָרמאַציע־ביוראָ, ווו עס האָבן זיך אויסגעמישט טרויעריקע ידיעות און אַנטוישונגען מיט פריידיקע בשורות פון געראַטעווטע און לעבן־גע־בליבענע. די ערשטע טעג האָט זיך קיינער ניט אינטע־רעסירט אויף וועלכן פונקט פון ערד־קוגל מיר זיצן.

מיין חבר, וועלכער איז געווען אַן אָפיציר, און דער דאָקטאָר פון לאַגער, האָט מיך ניט אָפּגעלאָזן פון זיך. שעהן זענען מיר געזעסן אין זיין צימערל, ניט אויפגע־הערט צו דערציילן איינער דעם צווייטן וועגן די לאַנגע יאָרן, וואָס האָבן אונדז אָפּגעטיילט איינער פון אַנדערן, דערמאָנט זיך אונדזערע גליקלעכע און זאָרגלאָזע סטו־דענטן־יאָרן און געפרייט זיך מיט אונדזער איצטיקער באַגעגעניש. אונדזערע וועגן זענען זיך פונאַנדערגעגאַנ־גען אַזוי ווייט און אַזוי אַנדערש, אַז מאָמענטנווייז פלעגט קומען צו אַ קורצשלוס אין אונדזער קאָנטאַקט

און מיר האָבן זיך ניט פאַרשטאַנען און אָפט מאָל אַפילו ניט געגלויבט איינער דעם אַנדערן.

אויף מיין פראַגע ווי געפינען מיר זיך איצט, האָט ער מיר געוויזן אַ קאַרטע און אָנגעצייכנט דעם פונקט ווו מיר זיצן. אונדזער לאַגער איז געלעגן נעבן אַן איטאַליעניש דאָרף, ניט ווייט פון דער יוגאָסלאַווישער גרענעץ. ער האָט מיר פאַרטרויט אַ סוד, אַז די יידישע בריגאַדע האָט שוין באַקומען אַ באַפעל זיך אַרויסצוציען קיין צפון און זייער נאָענטסטע קוואַרטיר וועט זיין אין האָלאַנד. און „וואָס וועט זיין מיט אונדז״ — האָב איך אינסטינקטיוו אַ פרעג געטאָן, ווייל איך האָב באַלד דערפילט, אַז אַן זיי זענען מיר ווי פאַרלוירענע קינדער. „זאָרג זיך ניט — האָט ער געענטפערט — מיר וועלן אייך פריער ברענגען אין אַ זיכער אָרט און נאָר דאַן וועלן מיר אַוועק ווייטער״.

די ידיעה אַז מיר פאָרן ווייטער, האָט ביי אונדז אַרויסגערופן געמישטע געפילן. עס האָט זיך ניט געוואָלט פאַרלאָזן די וואַרעמע נעסט, ווו עס איז אונדז געווען אַזוי גוט און היימיש. אָבער די ידיעה, אַז מען באַוועגט זיך פאָרויס, האָט ווידער באַפליגלט, אָט־אָט און מיר זענען שוין אָנגעקומען. אַ ייד, וואָס איז אָנגעקומען מיטן לעצטן טראַנספּאָרט, האָט געבראַכט פאַרנעפּלטע ידיעות פון אונדזערע פרויען. מיר האָט ער דערציילט, אַז ער האָט געהערט, אַז מיין פרוי לעבט און זי איז אַריבער אין דער רוסישער זאָנע, כדי אויפצוזוכן דאָס קינד. איך האָב כסדר געפרעגט, געזוכט, אפשר האָט

ווער וואָס געהערט, געזען. אַ פרוי, וואָס איז געווען צו־זאַמען מיט מיין פרוי אין לאַגער, האָט געזען די רשימה פון פרויען, וואָס זענען אומגעקומען און מיט אַ פאַר־לעגנהייט און טיפן מיטלייד אין די אויגן, האָט זי מיר געזאָגט, אַז זי האָט געזען דעם נאָמען פון מיין פרוי אין דער רשימה פון די טויטע. עטלעכע טעג בין איך אַרומגעגאַנגען צעמישט און צעריסן. די צוויי פאַרשי־דענע ידיעות האָבן מיך געוואָרפן צווישן טרויער און פרייד. כ'האָב ניט געוווּסט וועמען צו גלויבן, וועלכע ידיעה איז אַ ריכטיקע און וועלכע די פאַלשע. איך האָב מיט מיין לעבנס-אינסטינקט באַלד אויסגעמעקט די טויט־ידיעה. איך האָב אין זיך פעסט געגלויבט, אַז ערגעץ ווו לעבט זי און ווי איך לויף, לויפט זי נאָך גיכער, צום קינד, אַהין ווו מיר האָבן אים געלאָזן. די שטענדיקע שפאַנונג, די אויפרעגונג, דער ענטוזיאַזם און דאָס געפיל פון גיין צו אַ געמיינזאַמען ציל, האָט אַלעמען צוזאַמענ־געבונדן אין איין גרויסן משפחה-קנויל און האָט אַוועק־געשווענקט יעדן טרויעריקן געדאַנק. איך בין געווען זיכער, אַז מיין פרוי לעבט. אַז איך פלעג בלייבן אַליין מיט זיך, און אַריינגראָבן זיך טיפער אין מיינע מחשבות, פלעגט ווי אַ בליץ אַ שטאָך טאָן אַ געדאַנק, מיין זונעלע אָן אַ מאַמען. איך פלעג זיך צוזאַמענדרייען פון אַזאַ געדאַנק, ווי טראָגט מען אויף זיך אַזאַ שווערע לאַסט, זיין אי אַ טאַטע און אי אַ מאַמע צוזאַמען.

**
*

ס׳איז גאָר פרי און דער לאַגער איז וואַך און באַוועגט זיך ווי אַ נעסט פון מוראַשקעס. מיר געזעגענען זיך מיט די סאָלדאַטן ווי אַלטע גוטע פריינד, קריכן ווידער אַרויף אויף אויטאָמאָבילן און היידאַ קיין מילאַן. דאָס מאָל האָבן מיר שוין געוווּסט גענוי ווו מיר פאָרן. דאָרט אין מילאַן איז שוין געשטאַנען גרייט פאַר אונדז אַן אכסניה, דאָרטן זיצן אויך ישראל-סאָלדאַטן און וואַרטן שוין אויף אונדז. דער עיקר, מען פאָרט קיין דרום, גיכער צום ברעג פון מיטללענדישן ים.

קיינעם איז ניט איינגעפאַלן צו פרעגן, און וואָס ווייטער? ווי אַזוי שווימט מען אַריבער דעם ים? דעו׳ כסדרדיקער טומל, דאָס לויפן פון אָרט צו אָרט, האָט אונדז איינגאַנצן אָפּגעריסן פון דער ווירקלעכקייט. מיר האָבן געהאַט אַזאַ בלינדן פאַרטרויען אין די וועלכע פירן אונדז און זאָרגן פאַר אונדז, אַז מיר האָבן זיך באַנומען ווי קינדער. מיר האָבן ניט געזען קיין שום שטרויכלונגען און קיין שום באַריערן. אַפילו דער ים איז געווען אַן אַבסטראַקטער באַגריף, מען וועט שוין אַריבערשווימען, האָט זיך יעדער געטראַכט ביי זיך און געווען רויק.

די, וואָס האָבן געטריבן דעם עליה-מאַטאָר, האָבן זייער גוט געוווּסט, אַז איטאַליע איז נאָך ניט ישראל און די הונדערטער יידן, וואָס האָבן שוין דערגרייכט דעם דרומסטן שפּיץ פון איטאַליע און זיך פאַרזאַמלט אין דער שטאָט באַרי, זיצן נאָך אויך און וואַרטן. מען קלאַפּט אין די טויערן פון ישראל מיט אַלע מעגלעכע און

ניט מעגלעכע פויסטן, אָבער עס העלפט ניט, די טויערן זענען נאָך פאַרשלאָסן.

אין מילאַן האָט מען אונדז אַריינגעזעצט אין אַ גרויס פירקאַנטיק הויז, ווו אין מיטן איז געלעגן אַ געשלאָ־סענער הויף מיט גרויסע קאָלאָנען און מיט אַלערליי סטאַטועס און פיגורן. דאָרטן האָבן מיר זיך זעלטענער געטראָפן מיט די יידישע סאָלדאַטן. אַ קאָמיטעט פון איטאַליענישע יידן האָט אונדז באַזאָרגט מיט קליידונג, שיך און עסן. אין דעם הויף זענען מיר מיט אַ מאָל געוואָרן פּליטים, אַ טיטל צו וועלכן מיר זענען נאָך ניט געווען געוווינט. מיט אונדזערע זעלנער האָבן מיר זיך געפילט ווי שותפים צו דעם געמיינזאַמען יידישן גורל.

אין מילאַנער אכסניה האָבן מיר זיך געפילט ווי אָרעמע קרובים, וואָס געניסן פון דעם חסד פון אַ וווילטעטיקן קאָמיטעט. דאָ אין מילאַן האָבן מיר זיך אַביסל אויסגעניכטערט פון אונדזער לאַנגער טרוימעריי און אָנגעהויבן זען די ווירקלעכקייט. וואָס לענגער מיר זענען געזעסן אַלס פּליטים, אַלץ נידעריקער האָבן מיר אַראָפּגעלאָזן די קעפּ.

איך בין געוואָרן אומגעדולדיק און אויפגעהערט צו זען דעם סוף פון מיין ציגיינער־לעבן. אין אַ גרויסן זאַל פון אונדזער אַזיל זענען געווען אויסגעשטעלט אַ פּאָר צענדליק בעטלעך. דאָס בעטל איז געוואָרן דאָס צימער, און די, וואָס זענען געווען מיט ווייב און קינד, האָבן פאַרהאַנגען אַ פּאָר בעטלעך מיט ליילעכער און דער גרויסער זאַל האָט זיך צעטיילט אין קלענערע איזאָ־

לירטע דירות. די פֿאַמיליעס האָבן זיך אָנגעהויבן טי־
פער אַריינזעצן אין זייער צייטווייליקער היים. פֿאַר זיי
איז דאָס ווייטער פֿאַרן ניט געווען אַזוי איילּיק, עס
ברענט ניט, זיי האָבן אָנגעהויבן זוכן אַרבעט און
פֿאַרדינסטן כדי וואָס בעסער און באַקוועמער זיך
איינאָרדנען. דאָס פּליטים־הויז איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן
אין קליינע היימען. דאָס געמיינשאַפֿטס־געפֿיל האָט זיך
אָנגעהויבן אויסדאַמפֿן און יעדער האָט געצויגן צו
זיך. די שטאָט איז גרויס און שיין, אָבער איך האָב זי
נישט געזען. פֿאַר מיר איז זי געווען אַ דורכגאַנגס־
סטאַציע, ווי אַ סך אַנדערע סטאַציעס אויפֿן וועג
אַהין. דאָ אין שטאָט האָבן זיך לאַנגווייליק געצויגן די
טעג, אַזוי ווי די לאַנגע לאָקשן, מיט וועלכע דער קאָ־
מיטעט האָט אונדז געפֿיטערט צוויי מאָל אַ טאָג.

אין אַ אומעטיקן פֿאַרנאַכט בין איך אַרויס מיט
מיינע קרובים פֿון דעם שטיינערנעם הויף און שפּאַצירט
דורך די גאַסן פֿון מילאַן. די טויזנטער מענטשן אויף די
גאַסן, די ריזיקע באַוועגונג, די ליכטער און די גרויסע
געשעפֿטן מיט כל טוב, דאָס אַלץ האָט מיט אַ מאָל,
ווי מיט אַ רויטן שטריך, אונטערגעשטראָכן אונדזער
נעבעכדיקייט, אונדזער אָפּגעריסנקייט, אונדזער היימ־
לאָזיקייט און אונדזער ביטערן יידישן גורל. מיר האָבן
זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק אין אַ גרויסן פּאַרק
און זיך צוגעקוקט ווי עס ברויזט און קאָכט דאָס לעבן
פֿון אַ פֿאָלק, וואָס האָט נאָר וואָס פֿאַרשפּילט אַ מלחמה,
אָבער געבליבן זיצן ביי זיך אין דער היים. פֿון מיין

קוזין, וועלכער איז מיט מיר צוזאַמען געזעסן אויף דער באַנק, האָט זיך מיר ווידער פאַרוואָלט הערן ווי אַזוי זיי האָבן אַרויסגעפירט מיין קינד פון ליטע, געבראַכט קיין בוקאַרעשט און אָפּגעשיקט קיין ישראל. עס האָט נישט אויפגעהערט, יעדעס מאָל פון דאָס ניי, עקבערן דער געדאַנק: ווו איז ער איצט, ווער זאָרגט וועגן אים און ווען וועל איך שוין סוף כל סוף זיין מיט אים צו־זאַמען? זיין לעבן און זיינע קינדערשע איבערלעבונגען, פון מאָמענט ווען איך האָב אים אַרויסגעפירט פון געטאָ ביז איצט, זענען פאַר מיר געווען אַ ווייס אומבאַשריבן בלאַט. איך האָב קיין אַנונג נישט געהאַט ווו ער איז געווען, ווי ער האָט געלעבט און ווי אַזוי ער האָט פאַרלאָזן זיין ניאַניע און אַרויס פון ליטע. איך האָב פון מיין קוזינס דערציילונגען און שילדערונגען צוזאַמענ־געבונדן איין פרט מיטן צווייטן און לאַנגזאַם האָב איך זיך געקענט אויסמאָלן ווי דאָס לעבן פון מיין קינד האָט אויסגעזען אין דער פרעמד.

ווען איך האָב אַראָפּגענומען זיין געלן מגן־דוד ביים ברעג פון דעם טייך ווויליע, האָב איך געזען ווי ער איז אַריבער די גאַס און אַוועק מיט זיין ניאַניע. ער איז נאָך געבליבן אַ פּאָר וואָכן אויף דער פריי, אין שטאָט, נישט ווייט פון אונדז. דאָס קינד האָט זיך געריסן צוריק אין געטאָ. איין מאָל, ווען זיין קינדיש האַרץ האָט געפּלאַצט פון בענקשאַפט נאָך אונדז, האָט ער אָנגעטאָן זיין מאַנטעלע, קיינעם גאָרנישט געזאָגט, און אַרויס פון שטוב. זיין ניאַניע האָט דאָס באַלד באַ־

מערקט, געלאָפן און מיט געוואַלד אים געבראַכט צוריק. די אַרומיקע שכנים האָבן געוווּסט, אַז זי איז אַ קינדער־לאָזע פרוי און האָבן חושד געווען, אַז ביי איר לעבט אַ יידיש קינד. זי האָט מער נישט געקאָנט בלייבן אין שטאָט און אַוועק מיט אים ווייט, אין אַ פאַרוואָרפן ליטוויש דאָרף. ער האָט זיך אַרומגעדרייט צווישן פערד, קי און הינער, געהאָלפן ביי יעדער אַרבעט און זיך צוגעבונדן צו זיין ניאַניע ווי צו זיין מוטער. מיט דער צייט האָט ער אָנגעהויבן צו פאַרגעסן דאָס געוועזענע, זיך געשפּילט מיט בהמות אין שטאַל, מיט הינט אויפן הויף און געגאָסן פון אַ מוטערלעכער ליבע, וואָס זיין קינדהייט־ניאַניע האָט אים געשענקט.

נאָך דעם ווי מיין קוזין און זיין פרוי זענען אַרויס פון בונקער, ווו זיי האָבן זיך פאַרשטעקט ביז דער באַ־פרייונג, האָבן זיי זיך דערוווּסט, אַז מיין קינד לעבט אין אַ ווייט, פאַרוואָרפן דאָרף. זיי אַליין האָבן דאַן באַשלאָסן צו לויפן קיין ישראל און אים מיטנעמען מיט זיך. אַז זיי האָבן זיך דערוווּסט ווו ער געפינט זיך, האָבן זיי זיך פאַרבונדן מיט זיין ניאַניע, מיט אַ תירוץ, אַז זיי ווילן אַוועקנעמען פון איר דאָס קינד, כדי אים אַריינ־צוגעבן אין אַ שול לערנען. זי האָט זיי געענטפערט, אַז אויב מיר לעבן, וועט זי אים אַוועקגעבן אין אונדזערע הענט און אויב נישט — בלייבט ער ביי איר. זי האָט אים געראַטעוועט, זי האָט זיך פאַר אים געאָפּפערט און ריזיקירט מיטן לעבן און זי וועט אים קיין מאָל נישט אָפּגעבן אויסער זיינע עלטערן. די ניאַניע איז

געווען זיכער, אַז מיר לעבן נישט און האָט באַשלאָסן האַלטן דאָס קינד ביי זיך. זי איז געווען אַן איינזאַמע פרוי. ער איז געווען דער לעצטער אָנהאַלט אין איר איינזאַם לעבן און עס איז אים געווען גוט ביי איר. זי האָט דערפילט, אַז מען וויל אים אַוועקנעמען פון איר און ווי אַ מאַמע אַ טיגער געוואָלט אים באַהאַלטן פאַר זיך. זי האָט אים איינגעשראָקן, אַז די מלחמה האָט זיך נאָך נישט געענדיקט און אַז שלעכטע מענטשן ווילן אים אַוועקנעמען פון איר. זי האָט אים צוגעזאָגט, אַז זי וועט אים באַהאַלטן און נישט לאָזן, אַז ס׳זאָל אים ווער עס איז שלעכטס טאָן.

ער איז נאָך נישט געווען קיין פולע ניין יאָר אַלט און זיין צאַרט קינדיש האַרץ האָט געציטערט, ווען ער האָט געהערט פון איר די גרויל-געשיכטעס און פון די פרעמדע, שלעכטע מענטשן, וואָס ווילן מיט געוואַלד אים אָפּרייסן פון זיין ניאַניען. ווען מיין קוזין האָט געזען, אַז בריוו העלפן נישט, האָט ער גענומען אַ מיליטער-אויטאָ, מיטגענומען מיט זיך אַ רוסיש—יידישן אָפיציר און אַוועק אין יענעם דאָרף זוכן דאָס קינד. ווען זיי זענען אַריין אין איר נידעריקער טונקעלער כאַטע, האָבן זיי זי געפונען אַליין. זי איז געזעסן רויִק און געשטריקט. אויף זייער פראַגע ווו איז דאָס קינד, איז זי באַלד אַרויפגעפאַלן אויף זיי מיט היסטע-רישע געוואַלדן און געזאָגט, אַז דאָס קינד איז נישטאָ אין דעם דאָרף, אַז זיי קענען פאָרן צוריק און זי וועט קיינעם אין דער וועלט אים נישט אַוועקגעבן. אויף דעם

האָט דער אָפיציר אויפגעהויבן זיין קול, געדראָט און באַפוילן, אַז זי זאָל גלייך ברענגען דאָס קינד, אויב נישט וועט ער זי מיטנעמען מיט זיך. די דראָאונג פון אָפיציר האָט זי איינגעבראָכן. זי האָט אָנגעהויבן וויינען און מיט טרערן זיי צוגעפירט צו אַ שטאַל, געעפנט די טיר און אָנגעוויזן מיט אַ פינגער, אַז אָט דאָ איז ער פאַרשטעקט.

אין שטאַל איז געווען טונקל און שטיל. דאָס קינד האָט זיך פאַרשטעקט אין אַ פינצטער ווינקל און ווי אַ קליין חיהלע, וואָס האָט דערפילט די געפאַר, געשטאַנען שטיל און איינגעקאָרטשעט, כדי צו בלייבן אומבאַמערקט דורך זיינע „שונאים". אין ווינקל ווו ער איז געשטאַנען ווי פאַרגליווערט האָבן זיי אים באַלד געפונען. די שרעק אין זיינע קינדישע אויגן האָט זיי צוריקגעהאַלטן און זיי זענען געבליבן שטיין פון וויטן. מיין קוזין האָט אים אָנגערופן ביים נאָמען, מיט גוטן, אים געגומען איבעררעדן ער זאָל גיין מיט אים. ער האָט אים צוגעזאָגט, אַז ער וועט אים ברענגען צו זיין מאַמען, צו זיינע חברים, ער זאָל נישט מורא האָבן, ביי אים אין שטוב וועט אים זיין נאָך בעסער ווי דאָ אין דאָרף. די אַלע רייד האָבן נישט געהאָלפן, ער האָט זיך נאָך מער פאַרקראַמפּט, איינגעקלאַמערט זיינע פינגערלעך צווישן ברעטער, געוויינט און זיך נישט גערירט פון אָרט. די ניאַניע זיינע, וועלכע איז געבליבן אין דרויסן, האָט זיי נאָכגעשריען: „דאָס קינד וויל בלייבן ביי מיר, איר האָט נישט קיין רעכט אים אָוועקרייסן

פון מיר מיט געוואַלד.״ דיביידע שטאַרקע מענער האָבן געזען, אַז מיט גוטן וועט דאָס נישט גיין, האָבן זיי מיט געוואַלד אָוועקגעריסן זיינע הענטלעך, וואָס זענען גע־ווען איינגעקלעמט צווישן די ברעטער, אים אַרויס־געהויבן פון זיין באַהעלטעניש און אויף די הענט אַרויסגעטראָגן פון שטאַל. אין אַ היסטעריש געוויין האָט ער געטראַמפּלט מיט די פיסלעך, זיך געוועדט, זיי געשלאָגן איבערן פּנים און זיך געוואָלט אַרויס־רייסן פון זייערע פעסטע אָרעמס. ער האָט זיך געצויגן צו דער ניאַניע, וועלכע איז געשטאַנען נישט ווייט פון אים און געזוכט ביי איר אַ שוץ קעגן די שלעכטע מענטשן, וועלכע ווילן אים אַזוי אכזריותדיק אַרויס־רייסן פון זיין געליבטער ניאַניע. זי איז געשטאַנען הילפלאָז, געווישט מיטן פאַרטוך אירע טרערן, געשאָלטן און געדראָט, אַז איר גאָט וועט זיי באַצאָלן פאַר זייערע בייזע מעשים.

די צוויי מענער האָבן אים מיט געוואַלד אַריינגע־לייגט אין זייער דזשיפּ און ווי אַ פאַרווונדעט פייגעלע איז ער געלעגן אַ פאַרמאַטערטער פון דעם שווערן קאַמף און אויסגעשלוכצט זיין ביטערן געוויין.

די פּרטים פון מיין קינדס איבערלעבונגען, בעת מען האָט אים אָפּגעריסן פון זיין ניאַניע, האָבן מיך אין גאַנצן צעבראָכן. טאָג און נאַכט האָט מיך פאַרפאָלגט די שרעק אין זיינע אויגן, זיין געוויין, זיין הילפסלאָ־זיקייט און זיין פאַרצווייפלטער קאַמף. ביינאַכט האָב איך אים געזען, ווי ער שטייט פאַריאָגט אין דעם

פינצטערן שטאָל און באַהאַלט זיך פון זיינע „שונאים״. די בענקשאַפט נאָך אים האָט געברענט אין מיר ווי אַן אָנגעגליט אייזן. איך האָב נאָר געטראַכט, וואָס קען איך טאָן פאַר אים, כדי צו קאָמפּענסירן זיינע שווערע איבערלעבונגען און ווי וועל איך נעמען אַזוי פיל ליבע און צערטלעכקייט אויסצומעקן דאָס, וואָס דאָס לעבן האָט שוין אָנגעשריבן אויף זיין געפילס־וועלט און אויף זיין כאַראַקטער.

דאָ, אין מילאַן, האָבן מיר דערפילט, אַז מיר זענען געבליבן שטעקן אויף איין אָרט, און קיינער האָט נישט געוווּסט ווען מען וועט זיך רירן ווייטער. דאָ זענען געשטאַנען קליינע איינהייטן פון יידישע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן געזאָרגט, אַז די יידן וואָס קומען קיין מילאַן, זאָלן האָבן וואָס צו עסן און ווי דעם קאָפּ אַוועקצולייגן. אַז עס פלעגט דערשיינען אַ סאָלדאַט אין אונדזער אכסניה, פלעגן מיר אים פאַרוואַרפן מיט פראַגן, כאילו ער האָט געהאַלטן די שליסלען צו די טויערן פון ישראל. ער פלעגט הכנעהדיק זיך פאַרענטפערן, כאילו, אַז ער איז נישט שולדיק וואָס עס איז געוואָרן אַזאַ ערד־ציטערניש אויף דער וועלט און אַז די רעשטלעך, וואָס זענען געבליבן, זענען נאָך נישט פריי און קענען נישט גיין דאָרטן ווי זיי ווילן. איך האָב אויף זיי רחמנות געהאַט און תמיד באַוווּנדערט זייער געדולד, טאָלעראַנץ און באַציוּנג צו יעדן יידיש צעבראָכן האַרץ.

צו אונדז אין צימער איז אַריין אַ סאָלדאַט און געפרעגט, אויב איינער פון די דאָקטוירים איז גרייט צו

אַרבעטן אַלס דאָקטאָר אין אַ יידישער קינדער־קאָלאָניע. אַט דעם זומער האָבן זיי, די פּאַלעסטינער סאָלדאַטן, צוזאַמענגענומען אַ פּאָר הונדערט אויסגעמאַטערטע נאָך־מלחמה־קינדער, וואָס זענען מיט נסים לעבן גע־בליבן, און געעפנט פאַר זיי אין אַ גרויסן האָטעל אַ דער־האָלונגס־היים. דאָרטן וועלן שוין אונדזערע סאָלדאַטן זאָרגן די קינדער זאָלן זיך אויסרוען, זיך היילן און לערנען.

אין אונדזער אכסניה האָבן געלעבט עטלעכע דאָק־טוירים. איך בין געווען דער איינציקער צווישן זיי, אַליין, אָן אַ משפּחה. די אַנדערע זענען געווען מיט זייערע פרויען. דעריבער האָב איך זיך געמעלדעט, אַז איך וועל גיין צו די קינדער. מען איז געקומען מיך אָפּנעמען מיט אַ מיליטער־אויטאָ און כאָטש איך האָב געוווּסט, אַז די רייזע ברענגט מיך נישט נעענטער, איז דאָך געווען פריילעכער אויפן האַרצן אַרויסצופאָרן פון דעם אָפּגעשלאָסענעם פּליטים־הויף.

מיר זענען דורכגעפאָרן שטעט און דערפער, פאַר־בייגעפאָרן די שטאָט בערגאַמאָ און אַרויפגעקראָכן אויף שמאָלע זיגזאַגיקע בערג־וועגן, וואָס האָבן זיך געשלענ־גלט אין איינער פון די שענסטע געגנטן פון איטאַליע. ווען מיר זענען צוגעפאָרן צום האָטעל, האָבן מיר שוין פון ווייטן געהערט פריילעכע קינדער־קלאַנגען. אויפן הויף האָבן זיך געשפּילט קינדער, געיאָגט זיך, געלאָפן און ווידער געכאַפּט איינער דעם צווייטן. צוויי יידישע מיידלעך פון איטאַליע און צוויי יידישע סאָלדאַטן

האָבן אָנגעפירט מיט דער קינדערהיים און זענען געווען אויף די דערציער. זיי האָבן מיט די קינדער געלערנט, געשפּילט און געזונגען. איינער פון די צוויי סאָלדאַטן איז געווען אַ מוזיק-לערער און קאָמפּאָזיטאָר. ער האָט זיך פאַר מיר געשוואָרן, אַז ער האָט נאָך קיין מאָל קיין ביקס נישט געהאַלטן אין זיינע הענט. ווי ער איז נישט געפאָרן מיט זיין איינהייט, אומעטום האָט ער מיטגעפירט מיט זיך אַ ביבליאָטעק פון לידער-ביכער און נאָטן. ער איז געווען אַ טרוימער און ראָמאַנטי־קער, מיט אַ פּאָר פאַרחלומטע אויגן, אַ געדיכטע שעוועלורע האָר אויפן קאָפּ און אַ ברייט, וואַרעם האַרץ. שטילערהייט האָט ער תמיד געמורמלט אַ ניגון און אונדז אַלעמען אויסגעלערנט ישראל-לידער, וואָס האָבן געבראַכט וואַרעמע גרוסן פון לאַנד. די קינדער האָבן געקלעפּט צו אים, אים ליב געהאַט און כסדר געבעטן ביי אים ער זאָל פאַר זיי זינגען. ער האָט נישט גע־מאַטערט די קינדער מיט שווערע שול-אויפגאַבן, ער האָט מיט זיי נאָר געזונגען און דערציילט ארץ-ישראל־דיקע מעשהלעך.

אין די אָוונטן, ווען די קינדער זענען געשלאָפן, זענען אַלע דערוואַקסענע געזעסן צוזאַמען, געשמועסט, דערציילט און שטילערהייט געזונגען. דער לערער פון געזאַנג איז געווען שטאַרק פאַרליבט אין איינער פון די לערערינס. ער האָט געשיקט צו איר זיינע גרויע פאַרחלומטע אויגן און פאַר איר געזונגען זיינע סענטי־מענטאַלע ניגונים.

קיין סך אַרבעט האָב איך נישט געהאַט. ווען נישט ווען פלעגט אַ קינד פיבערן אָדער פאַלן און זיך צע־קראַצן די הויט. איך האָב שוין געקענט יעדעס קינד און זיך צו זיי צוגעבונדן און זיי ליב באַקומען. איין בלאָנד ייִנגעלע מיט פּריילעכע בלויע אויגעלעך, האָט מיר דערמאָנט מיין זונעלע. איך האָב אים כסדר אויפ־געזוכט, זיך געשפּילט מיט אים און געגלעט זיינע גלאַטע הענטעלעך. די זעלנער, וואָס האָבן באַזאָרגט אונדזער קינדער־קאָלאָניע מיט אַלערליי פּראָדוקטן, זענען געווען די איינציקע, וואָס האָבן אונדז פאַרבונדן מיט דער אַרומיקער וועלט. יעדעס מאָל ווען עס פלעגט אָנקומען דער אויטאָ, פלעג איך אים אָפּוואַרטן און פרעגן וואָס הערט זיך. און יעדעס מאָל באַקומען דעם זעלבן ענטפער: אויף אונדזער עליה־פּראַנט איז נישטאָ קיין נייעס.

איין אינדערפרי, ווען איך בין געזעסן אין מיין צימער און וואָס געלייענט, איז אַריין צו מיר איינער פון די לערער און געזאָגט, אַז אונטן, ביים אַריינגאַנג, פרעגט זיך ווער נאָך אויף מיר. אונטן ביים אַריינגאַנג איז געשטאַנען אַן ענגלישער אָפיציר מיט אַן ערנסטן פנים, מיר אויסגעשטרעקט זיין האַנט, אָנגערופן מיך ביי מיין נאָמען און געלאַסן, רויִק געזאָגט:

— איך בין געקומען דיך נעמען.

— ווער ביסטו — פרעג איך אים — און וווּ ווילסטו מיך נעמען?

דער הייזעריקער קלאַנג פון זיין שטימע איז מיר

געווען באַקאַנט. עפּעס ווי און ווען האָב איך אים שוין געהערט. נאָר דאַן, ווען ער האָט אַראָפּגענומען זיין היטל, וואָס איז געזעסן טיף אויף זיין קאָפּ און פאַר־דעקט זיינע אויגן, האָב איך גלייך געוווּסט ווער דאָס איז.

—דו ביסט דאָך ד.

— יאָ, — זאָגט ער — דאָס בין איך. אַ חבר פון די שול־יאָרן, איצט אַן אינזשיניער, וועלכער איז אַוועק קיין ישראל לאַנג פאַר דער וועלט־מלחמה.

מיר זענען אַריינגעפאַלן איינער אין די אָרעמס פון צווייטן, זיך צעקושט און אַוועקגעזעצט זיך כאַפּן אַ שמועס.

— איך האָב קיין צייט נישט — זאָגט ער זאַכלעך און קורץ — איך בין געקומען דיך נעמען צו מיר קיין ווענעציע. איך האָב באַקומען אַ טעלעגראַמע פון דיין פעטער אין ישראל, אַז דו געפינסט זיך אין מילאַן, און ער האָט געבעטן איך זאָל אַלץ מאַכן, כדי וואָס גיכער דיך איבערשיקן קיין ישראל. איך בין געקומען קיין מילאַן, האָט מען מיר געזאָגט, אַז דו געפינסט זיך אין די בערגאַמער בערג, האָב איך אויסגעדרייט מיין דזשיפּ און געקומען אַהער. מאַך זיך פאַרטיק, נעם דיין פּעקל און קום.

די ערשטע מינוטן בין איך געבליבן זיצן, נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן און וואָס צו פרעגן.

— איך ווייס אַלץ וועגן דיר — זאָגט ער, — דאַרפסט מיר גאָרנישט דערציילן, איך וועל מאַכן וואָס

איך קען, כדי דיך וואָס גיכער אַריבערשיקן קיין ישראל.

איך בין געלאָפן, געכאַפּט מיין פּעקל, זיך גע־זעגנט מיט די לערער און געמאָלדן, אַז איך פאָר אַוועק. זיי האָבן גאָרנישט פאַרשטאַנען מיין אויפפירע־גונג און וואָס איז די איילעניש. איך האָב זיך אַנט־שולדיקט, וואָס איך לאָז זיי אָן אַ דאָקטאָר, געזאָגט שלום און איך טרייסל זיך שוין ווידער אין אַן אָפענעם דזשיפּ פון מיין שול־חבר, איבער די ווייטע איטאַליע־נישע וועגן.

איך האָב אים געבעטן, ער זאָל מיך פריער ברענגען קיין מילאַן אין מיין אכסניה, ווו איך האָב געלאָזן אַ טייל פון מיין „רייכטום". אין מילאַן האָב איך זיך געזעגנט מיט אַלע מיינע פריינד און שכנים און זיי געגעבן צו וויסן, אַז איך פאָר קיין ישראל. איך האָב דערזען אין זייערע אויגן קנאה אויסגעמישט מיט פרייד. זיי האָבן מיך פאַרוואָרפן מיט פראַגן, אָבער ווי און ווען און וואָס האָב איך אַליין ניט געוווּסט.

שפּעט אין אָוונט האָבן מיר פאַרלאָזן מילאַן, און אַז עס האָט אָנגעהויבן גראָען דער פרימאָרגן, זענען מיר אָנגעקומען אין אַ נייעם מיליטער־לאַגער, וואָס איז געלעגן אין אַ פאַרשטאָט פון ווענעציע. מיין חבר האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ קליין צימערל און מיט זיין הייזעריקער שטים און זאַכלעכן טאָן געזאָגט:

— וואַש זיך אָפּ פון לאַנגן וועג און לייג זיך שלאָפן. מאָרגן וועלן מיר ווייטער שמועסן וועגן אונדזערע פּלע־נער.

אַז מיין חבר האָט מיר אויפגעוועקט אין דער פרי, האָב איך ניט געוווּסט ווּו איך געפין זיך. איך האָב זיך שוין אויסגעוואַלגערט אויף אַזוי פיל בעטלעך, אַז אַלע מיינע סטאַציעס האָבן זיך מיר אויסגעמישט אין קאָפּ און אין ערשטן מאָמענט האָב איך ניט באַגריפן ווּ עס שטייט מיין בעטל און וואָס טוט ער דאָ אין צימער. מיין חבר האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף מיין בעטל און גענומען דערציילן וועגן זיך און וועגן ישראל. ער האָט אויף אַ קול געטראַכט און גענומען אויסאַרבעטן פּלענער ווי אַזוי ער וועט מיך „אַריבערפּעקלען" אויף יענער זייט ים. צו מיטאָג האָט ער מיך אַריינגעפירט אין זיין אָפּיצירן-קאַנטינע, מיך באַקאַנט געמאַכט מיט אַלע בחורים און אַז מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט עסן, האָב איך געמוזט פון דאָס ניי דערציילן פון וואַנען איך קום און דער עיקר — ווי אַזוי איך בין אַנטלאָפן פון דער רוסישער זאָנע. דער פּחד פאַר אַ פרעמד אויג, אַ פרעמד אויער, איז מיר נאָך טיף געזעסן אין מיינע ביינער. ווען איך האָב דערציילט ווי איך בין אַנטלאָפן פון רוסישן טראַנזיט-לאַגער קיין בודאַפּעשט, מיינע באַגעגענישן און אַנטווי-שונגען פון די „באַפרייער", בין איך יעדעס מאָל אויפ-געשטאַנען פון טיש, פאַרמאַכט די טיר פון צימער און גע-רעדט שטילערהייט — די איטאַליענישע קעלנערין, וואָס האָט דערלאַנגט צום טיש, זאָל זיך ניט צוהערן. די אָפּי-צירן אַרום מיר האָבן מיט אָנגעשפּיצטע אויערן זיך צוגעהערט צו מיינע איבערלעבונגען. אַז איך פלעג אויפ-שטיין און ווידער שליסן די טיר, האָבן זיי מיט פאַרשטענ-

דעניש געשמייכלט און מיך בארויקט: „האָב נישט קיין מורא, — האָבן זיי געזאָגט — דאָ מעגסטו ריידן אַלץ וואָס דו ווילסט, דו ביסט צווישן אייגענע". זיי האָבן זייער גוט דערשמעקט דעם טעראָר, וואָס האָט געטליעט אין מיר און מער פון מיינע דערציילונגען האָט דער פחד, וואָס איז מיר נאָכגעלאָפן, דערציילט און געשיל־דערט.

די אָפיצירן האָבן מיך גענומען אונטער זייער שוץ און געפּיעשטשעט מיט אַלע גוטיקייטן, וואָס זיי האָבן נאָר געהאַט אין זייער לאַגער. איין טאָג האָט מיך מיין חבר מיטגענומען מיט זיך קיין ווענעציע. ער האָט מיך געפירט זען אַלע שיינקייטן פון דער שטאָט, דער־קלערט אַלץ, וואָס איך זע און געווען צופרידן פון מיין שטוינונג און איבערראַשונג. מיר האָבן באַזוכט דעם פּלאַץ פון סאַן מאַרקאָ, זיך געשיפט אויף אַ גאָנדאָלע אויף דעם גרויסן קאַנאַל, און ווי אין אַ וווּנדערלעכן חלום האָב איך געבלאָנדזשעט איבער די שמאָלע געסעלעך פון ווענעציע.

אין לאַגער האָט מען מיר גלייך אָנגעטאָן אין אוני־פאָרם און איך בין שוין געווען אַן ענגלישער סאָלדאַט. לויט די געזעצן פון דער ענגלישער אַרמיי האָט אַן אָפיציר נישט געטאָרט גיין צוזאַמען מיט אַן איינפאַכן סאָלדאַט, נישט שפּאַצירן און נישט זיצן ביי איין טיש צוזאַמען. אַז מיר האָבן ביידע געשפּרייזט איבער די גאַסן פון ווענעציע, איז ער געגאַנגען פאָרויס און איך אַ פּאָר טריט הינטער אים, ער האָט געדאַרפט יעדעס מאָל אויסדרייען דעם קאָפּ צו מיר איך זאָל אים בעסער

הערן. אין אַ קאַפע־הויז זענען מיר געזעסן ביי צוויי באַזונדערע טישלעך און געשמועסט צווישן איין טיש און דעם צווייטן. ער האָט מיך פאַרגעשטעלט פאַר צוויי פון זיינע זעלנער און געזאָגט, אַז זיי וועלן זיין מיינע באַגלייטער, אומעטום ווו מיר וועלן גיין אָדער פאָרן זאָל איך זיין צוגעקלעפּט צו זיי. זיי ביידע פאָרן קיין ישראל אויף אורלויב און זיי וועלן מיך מיטנעמען מיט זיך ווי אַ זעלנער מיט זיי צוגלייך.

מען האָט אָנגעהויבן מאַכן פון מיר אַן ענגלישן סאָלדאַט. איך האָב געלערנט ווי מען גיט אָפּ סאַלוט, מאַרשירן, בלייבן שטיין, אַלץ איז געווען אַנדערש ווי אין די אַרמייען, ווו איך האָב געלערנט די תורה. מען האָט מיר צוגעטיילט אַלץ, וואָס אַ סאָלדאַט דאַרף האָבן, כדי צו גיין אויף אורלויב. דעם קיד־בעג, דעם זייטן־זאַק און אַלע אַנדערע טאַשן און זעקלעך, וואָס געהערן זיך אָן מיט דעם. קיין ביקס האָט מען אויף אורלויב ניט געדאַרפט מיטנעמען. איך האָב געקענט נאָר אַ פּאָר ווערטער ענגליש, אָבער גאָרניט פאַרשטאַנען וואָס אַנדערע האָבן גערעדט. מיינע צוויי באַגלייטער האָבן זייער מורא געהאַט, אַז אונטערוועגנס זאָל מיך ניט ווער פאַרטשעפּען אין ענגליש און איך וועל זיך גלייך אַרויסגעבן. דעריבער האָבן זיי מיר אָנגעזאָגט איך זאָל שווייגן, זיך מאַכן אַז איך הער ניט, אויב עמיצער וועט זיך ווענדן צו מיר אין ענגליש.

מער ווי דרייסיק יידישע סאָלדאַטן זענען געפאָרן אַהיים אויף אורלויב, צווישן זיי מיינע צוויי באַגלייטער,

וואָס זענען געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם ווילזיין און זיכערקייט פון דעם גרינעם פריש־אויסגעבאַקענעם סאָלדאַט, וואָס פאָרט אויף אורלויב קיין פאַלעסטינע. איידער וואָס ווען, האָב איך זיך באַפריינדעט מיט מיינע צוויי באַגלייטער, איך האָב זיי דערציילט און זיי האָבן מיר דערציילט פון זייער הויז, פאַמיליע און ציווילע באַשעפטיקונג.

איינער פון זיי איז געווען אַ סטודענט פון הומאַ־ניסטישער וויסנשאַפט, אַ באַברילטער איידעלער בחור, וואָס האָט זיך אין איטאַליע מער אינטערעסירט מיט קונסט ווי מלחמה. ער האָט באַזוכט אָן אַ שיעור מוזעומס, געקענט גוט די תקופה פון רענעסאַנס, באַ־וווּנדערט די גרויסע איטאַליענישע מייסטערס און גע־פירט מיט זיך פעק פון אַלערליי אַלבאָמען און רעפּראָ־דוקציעס. ער האָט כסדר דערציילט פון סקולפּטורן און בילדער, וואָס ער האָט געזען אין איטאַליע. איך פלעג אים אויסהערן, זיך צוקוקן צו אים און טראַכטן: אַ מאָדנער סאָלדאַט. דער צווייטער בחור איז געווען אַ זון פון קיבוץ. הויך, מיט ברייטע פּלייצעס, אָפענע אויגן און מיט אַ קינדישן פאַרשעמטן שמייכל אויפן פנים. ער האָט זיך באַצויגן צו מיר ווי צו אַ ייִנגערן ברודער, פאַר וועלכן ער איז פאַראַנטוואָרטלעך. ער האָט תמיד איבערגעחזרט וואָס איך מעג און וואָס איך טאָר נישט און מיך אינסטרוקטירט ווי איך זאָל זיך באַנעמען אונטערוועגס.

***

מען האָט אונדז באַגלייט און אַרויפגעזעצט אויף גרויסע מיליטערישע לאַסט-אויטאָס, אַרויפגעוואָרפן די קידבעגס מיט אַנדערע זעקלעך און פעקלעך און שלום, שלום, מען פאָרט שוין. איך האָב אין גאַנצן פאַרלאָרן דעם חוש פון דיסטאַנץ און צייט און געווען אַזוי ווייט פון דער ווירקלעכקייט, אַז איך האָב געמיינט, אַז אָט באַלד זעצן מיר זיך אַרויף אויף דער שיף און קומען אָן פונקט אין חיפהער פּאָרט אַריין. פון מיינע יונגע שול-יאָרן האָב איך געוווּסט מער וואָס עס טוט זיך אין ארץ-ישראל ווי אין ליטע. איך האָב געלייענט ישראל-צייטונגען , זיך דערצויגן אין ציוניסטישע יוגנט- און סטודענטן-אָרגאַניזאַציעס, איך האָב געוווּסט נעמען פון תל-אביבער גאַסן, קיבוצים, דערפער. אין מיינע יוגנט-חלומות האָב איך געזען דעם ים-ברעג פון ישראל, דעם כרמל און דעם פּאָרט פון חיפה. און אויף די אַלע מיינע יוגנט-חלומות האָב איך געבויט מיין פאַנטאַזיע. איך האָב פון ווייטן שוין געזען חיפה מיט אירע ליכטער, דעם כרמל, וואָס האָט געלעבט אין מיין פאַנטאַזיע ווי דער העכסטער און שענסטער באַרג אויף דער גאַנצער וועלט. איך האָב זיך אַביסל געשעמט פאַר מיינע נאַיווע מחשבות וואָס האָבן זיך געפּלאָנטערט אין מיין מוח.

דער וועג האָט מיר אויסגעזען זייער לאַנג. טעג זענען מיר געפאָרן און געפאָרן און אין די אָוונטן זיך אָפּגעשטעלט ווו אין אַ מיליטער-לאַגער זיך אויסרוען. אין יעדן מיליטערישן טראַנזיט-לאַגער זיך געוואַשן, געגעסן, אויסגעשלאָפן און ווידער געפאָרן. לאַנגזאַם האָב

איך שוין אַליין אָנגעהויבן גלויבן, אַז איך בין אַן אמתער סאָלדאַט. אַלע דורכגאַנגס־לאַגערן, ווו טויזנטער סאָלדאַטן פלעגן זיך אָפּשטעלן און אויסרוען פון זייער פאַרמאַטערט לעבן, האָבן געהאַט איין פּנים. די קיך, די דושן, די געצעלטן און דאָס עסן זענען געווען ענלעך איינער צום צווייטן. צו מיינע צוויי „ניאַנקעס”, וואָס האָבן מיך געהיט און אויף מיר אויפגעפּאַסט, האָב איך זיך צוגעבונדן ווי אַ קלענערער ברודער. כ׳בין אָן זיי אַ טריט ניט געגאַנגען. כ׳האָב מורא געהאַט, טאָמער פרעגט מיך ווער אין ענגליש, וועל איך שטיין ווי אַ תם, און ניט וויסן וואָס צו ענטפערן. אַלע יידישע מיטרייזנדיקע סאָלדאַטן האָבן גענוי געוווּסט ווער איך בין און אַלע זענען זיי געווען שטאַרק צופרידן, וואָס זיי פירן מיט זיך קיין ישראל אַן אומלעגאַלן „העכט”. אַלע האָבן געוווּסט אַז איך האָב יאָרן געהונגערט און ווער עס האָט נאָר געקענט, האָט מיך געשטאָפּט מיט עסן, האָב איך באַקומען אַ פירפּאַכיקע פּאָרציע. זיי איז שוין לאַנג מיאוס געוואָרן דאָס איינטאָניקע סאָלדאַטישע עסן און אַז אין קיך האָט מען געטיילט קאָנסערוון פון סאַרדינען און בוליביף, פלעגט דורכגיין אַן אומצופרידענער געדויש דורך די רייען, וואָס האָבן געוואַרט אויף דעם עסן. מיר האָבן די אַלע מאכלים געשמעקט ווי דאָס עסן אין בעסטן לוקסוס־רעסטאָראַן און איך האָב בשום אופן ניט פאַרשטאַנען פאַר וואָס די סאָלדאַטן זענען אַזוי איבערקלייבעריש און צעפּיעשטשעט. איך האָב אַפילו פּרובירט זיי צו זאָגן מוסר און זיי פאַרגעוואָרפן,

אַז זיי זינדיקן, זיי ווייסן ניט וואָס הונגער באַדייט, אַז סאַרדינען און בוליביף זענען דער בעסטער מאכל וואָס איז דאָ אין דער גאַנצער וועלט. מיינע זעלנער האָבן געשמייכלט, זיך אַביסל געשעמט פאַר מיר און באַוווּנ־דערט מיין גוטן אַפּעטיט.

יעדן טאָג זענען מיר געווען אין אַן אַנדערן לאַגער. יעדער לאַגער איז געלעגן אין אַן אָפן פעלד און ווו מיר געפינען זיך האָב איך ניט געוווּסט. מיר זענען פאַרבייגעפאָרן אודינאַ, פלאָרענץ, רוים, נעאַפּאָל און דער ענד־ציל איז געווען טאָראָנטאָ, אַ פּאָרט, וואָס ליגט ווייט אין דרום פון איטאַליע. אין איינעם פון די לאַגערן בין איך אַרוים פון עסצימער און אַביסל אָפּגעשטאַנען פון מיינע באַגלייטער. פּלוצים איז אויסגעוואַקסן אַן ענגלישער סערזשאַנט, געוואָרפן אויף מיר אַ בייזן בליק און אַ ברום געטאָן צו מיר אויף ענגליש. איך האָב אַ ציטער געטאָן פון פחד און צוגעלאָפן צו מיינע ניאַנקעס, ווי אַ קינד וואָס האָט פאַרלאָרן און צוריק געפונען זיין מאַמען. „וואָס האָט ער געזאָגט״ — האָב איך זיי אַ פרעג געטאָן מיט אַ ציטער אין מיין קול. „זיי רויִק, ס׳איז גאָרניט, ער האָט דיר געהייסן אַראָפּלאָזן דיינע פאַרקאַטשערטע אַרבל; דאָ איז אַ מאַלאַריע־געגנט און אין אָוונט מוז מען זיך שיצן פון די פליגן און גיין אַראָפּגעלאָזטע אַרבל״. — אַ שטיין האָט זיך אַראָפּגע־קייקלט פון מיין האַרצן.

אַז מיר זענען אָנגעקומען אין דעם פּאָרט טאָראָנטאָ, האָבן מיר געוווּסט, אַז דאָ דאַרף מען וואַרטן. ס׳איז

ניטאָ געגוג שיפֿן פֿאַר אַלעמען און אַז עס וועט קומען אַ שיף, וועט מען זען ווער עס וועט אַרויף פֿריער.

אונדזער לאַגער איז געלעגן אין שטאָט און אין די אָוונטן האָבן סאָלדאַטן שפּאַצירט אין די גאַסן און געזוכט פֿאַרוויילונג. אַן ענגלישער סאָלדאַט איז געווען אַ קעניג אין איטאַליע און פֿאַר אים איז אַלץ געווען אָפֿן. די זעלנער האָבן געטראָפֿן מיידלעך, געטרונקען וויין און געדולדיק געוואַרט אויף דער שיף. מיינע חברים האָבן מיך מיטגענומען אין שטאָט אַריין, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט אין אָוונט מיך צו לאָזן אַליין אין לאַגער. אין דער פֿאַרשטאָט, וווּ מיר זענען געזעסן, האָט די אָרעמקייט און נויט אַרויסגעשריען פֿון יעדער טיר און יעדן פֿענצטער. די איטאַליענער זענען געווען הונגעריק, נאַקעט און געקליבן אין די גאַסן די עקן פֿון סיגאַרעטן. ביי די זעלנער האָבן זיי אויסגעשטרעקט אַ האַנט און געבעטן נדבות.

מיר זענען איין מאָל פֿאַרבייגעגאַנגען אַ הויז און ביי דעם אייזערנעם טויער פֿון דעם הויז איז געשטאַנען אַן עלטערער איטאַליענער און אַ יונגער בחור. אַז מיר זענען פֿאַרביי דעם הויז האָט דער עלטערער זיך געווענדעט צו אונדז אין איטאַליעניש און מיט צאַפּלדיקע זשעסטן גערעדט מיט די הענט. אויף מיין פֿראַגע, וואָס האָט ער געוואָלט, האָט מיין באַגלייטער איבערזעצט, אַז ער האָט אונדז פֿאַרבעטן צו זיך אין זיין היים צו זיין שיינער, יונגער טאָכטער, וועלכע וועט אונדז שענקען אַ גוטע צייט. מיר זענען פֿאַרביי דעם איטאַליענער

שווייגנדיק און מיט אַן אומעטיק געפיל — אויך אַ קרבן פון דער גרויזאַמער מלחמה.

קיין טאָראַנטאָ האָבן געשטראָמט סאָלדאַטן פון גאַנץ אייראָפּע. די מלחמה האָט זיך געענדיקט און אַלע זענען געפאָרן אויף אורלויב. עגיפּטער, פּאַלעסטינער, דרום-אַפריקאַנער, ניי-זעלאַנדער און אויסטראַלישע סאָל-דאַטן, אַלע וואַרטן אויף דער שיף, וועלכע וועט יעדן איינעם ברענגען צו זיין ברעג און שווימען ווייטער. אויף אַלע ברעגן וואַרטן שוין אויף זיי מוטערס, פרויען און קינדער און קענען זיך נישט דערוואַרטן. איך בין אויך געפאָרן אויף „אורלויב". אויף מיין ברעג וואַרט מיין פאַרלאָרן קינד. די זעלנער זענען מיט פרייד געזעסן און געוואַרט אויף דער שיף. ביי מיר האָט זיך מיין פרייד אויסגעמישט מיט אַן אומרו. ווי וועל איך אַרויף אויף דער שיף? ווי וועל איך דורך די קאָנטראָל? איך בין דאָך אַן אומלעגאַלער פּאַסאַזשיר, איך האָב מיט זיך גאָרנישט קיין צעטל, קיין סאָלדאַטן-שיין, קיין פּאַספּאָרט, גאָר-נישט. יעדן דאָקומענט וואָס איך האָב געהאַט, ביז איך בין געוואָרן אַ סאָלדאַט, האָב איך געמוזט פאַרניכטן. אפילו אַ שיין, אַז איך בין געזעסן אין דאַכאַו האָב איך אויך געמוזט צערייסן און אַזוי בין איך געבליבן אַן אַ נאָמען און אָן אַ צוגעהעריקייט. מיינע חברים, די באַגלייטער, האָבן געוווּסט אַז איך האָב מיט זיך קיין דאָקומענט און זיי האָבן אויך מורא געהאַט מען זאָל מיך נישט אַנטדעקן, ביים אַרויפגיין אויף דער שיף. דער ענגלענדער האָט מיר אויסגעזען דער מענטשלעכסטער

זעלנער וואָס איך האָב געטראָפן און איך האָב זיך גע־טרייסט דערמיט, אַז טאָמער איז מיר באַשערט אַרייג־צופאַלן אין אַן ענגלישער טורמע, איז נישט אַזוי גע־פערלעך. שוין געזען ערגערע טורמעס.

די ידיעה, אַז די שיף איז שוין דאָ, האָט זיך ווי אַ בליץ פאַרשפּרייט צווישן די זעלנער, און אין לאַגער איז אויסגעבראָכן אַ שמחה. יעדער האָט זיך געאײַלט צו זײַן בעטל, צוזאַמענגעקליבן און אײַנגעפּאַקט אַלע זײַנע זעק און זעקלעך און גרייט געווען צום באַפעל. די גרויסע טראַנספּאָרט־שיף שטייט אין אָפענעם ים און אַ קלענער שיפל וועט אונדז נעמען פון ברעג און ברענגען צו איר.

איך האָב באַמערקט, ווי דער אָפיציר פון אונדזער גרופּע סודעט זיך מיט מײַנע באַגלייטער. זיי האָבן זיך געזאָרגט וועגן מיר און געפּלאַנט ווי בעסער אויסצומײַדן די קאָנטראָל בײַם אײַנשטײַגן. עס איז געקומען אַ באַפעל אַלע קידבעגס צו ברענגען אַ טאָג פריער צום ברעג, אָנלאָדן אויף קליינע שיפלעך און ברענגען צו דער שיף. מײַן אָפיציר האָט באַשלאָסן, אַז איך זאָל זײַן צווישן די פיר, וואָס וועלן ברענגען די קידבעגס צום שיף און אַזוי אַרום וועל איך אַרויף אויף דער שיף אַ טאָג פריער אָן אַ קאָנטראָל. דער פּלאַן איז געווען אויס־געאַרבעט מיט אַלע פּרטים, אָבער ווער עס איז האָט באַשלאָסן אַנדערש. מיר אַלע פיר זענען אָפּגעפאָרן מיט די קידבעגס צום ברעג, זיי אָנגעלאָדן אויף קליינע שיפ־לעך און געוואַרט אויף דעם באַפעל זיי צו ברענגען צו דער שיף. דער באַפעל איז נישט געקומען.

עס איז געוואָרן נאַכט, און אַ קאַלטער ווינט, וואָס האָט געבלאָזן פון ים, האָט דורכגעדרונגען הויט און ביינער. מיר האָבן זיך אויסגעלייגט אויף די זעק, זיך איינגעקאָרטשעט פון קעלט און געוואַרט. דער גערויש פון ים, דאָס שיפל אויפן ברעג, און איך דאָ אין מיטן, פאַרמאַסקירט אין אַ זעלנער־אוניפאָרם, האָט מיר אויס־געזען ווי אַן אויסטערלישער ספּעקטאַקל, ווו איך בין געווען דער טראַגישער הויפּטהעלד. איך האָב אַרויפ־געקוקט אויף דעם באַשטערנטן הימל, זיך געדרייט פון איין זייט אויף דער צווייטער, און אַ געווירבל פון מחשבות האָט זיך געדרייט אין מיין מוח. ווער בין איך? ווי בין איך אַהער געקומען? וואָס טו איך דאָ אויף דעם ווייטן ברעג אין אַ העלער קאַלטער נאַכט? איך בין צוריקגעפאָרן אין מיינע מחשבות דורך אַלע דורכ־געגאַנגענע וועגן און סטאַציעס. די מחשבות האָבן געביסן ווי פליגן און איך בין טיפער פאַרקראָכן צווישן די קידבעגס, זיך געמאַטערט, געטריבן פון זיך די געדאַנקען, ביז איך בין איינגעשלאָפן הארט ווי אַ שטיין.

אַ טומל און אַ געפילדער פון סאָלדאַטן האָט אונדז אויפגעוועקט. אונדזער גאַנצע איינהייט איז שוין גע־שטאַנען נעבן אונדזער שיפל. זיי האָבן זיך שטאַרק געוווּנדערט וואָס מיר זענען נאָך נישט אויף דער שיף. אונדזער אָפיציר איז געווען אַנטוישט, ער האָט געהערט, אַז היינט וועט זיין אַ ספּעציעלע שמירה ביים אויפ־שטייגן. דער גאַנצער ברעג האָט געשוויבלט און גע־גריבלט פון מיליטער־פּאָליציי און טויזנטער סאָלדאַטן

זענען שוין געשטאַנען גרייט. פון ווייטן האָבן מיר געזען אַ ריזיקע גרויסע מיליטער־שיף אוןביים ברעג האָט שוין געוואַרט דאָס קליינע שיפל, וואָס האָט אונדז געזאָלט אַהין ברענגען.

ביים בריקל, וואָס האָט פאַרבונדן דעם ברעג מיט דער שיף, האָט זיך אויסגעצויגן אַ לאַנגע ריי פון סאָל־דאַטן, וועלכע זענען איינציקווייז פאַרביי די קאָנטראָל און אַרויף אויף דער שיף. איך בין נאָך געשטאַנען ווייט פון ברעג, צווישן מיינע ביידע באַגלייטער, געקוקט אין דער ריכטונג פון בריקל און געוואַרט. די ריי האָט זיך באַוועגט פאָרויס מיט קליינע טריט און וואָס מער מיר האָבן זיך דערנעענטערט, אַלץ אומרויִקער זענען געוואָרן מיינע באַגלייטער. זיי האָבן, זעט זיך אָן, בעסער פאַר־שטאַנען פון מיר, ווי שווער עס וועט זיין מיך דורכ־שטופּן דורך די אַלע וואַך־קאָנטראָלן.

מיט אַ מאָל איז אויסגעבראָכן, לענג־אויס דעם ברעג, אַ פאַרדעכטיקטער טומל. פּלוצים זענען אָנגעלאָפן דזשיפּן מיט מיליטער־פּאָליציסטן, זיך פונאַנדערגעשאָטן איבערן גאַנצן ברעג און זיך אויסגעמישט צווישן דער זעלנער־מאַסע. מיין ריי האָט זיך דערנעענטערט און איך שטיי שוין גאָר נישט ווייט פון ברעג. מיט אַ מאָל זע איך ווי אונדזער סערזשאַנט לויפט אונדז פאַרביי אַהין און צוריק און שרייט דער גרינער זאָל אַרויס, דער גרינער זאָל אַרויס. מיינע צוויי באַגלייטער האָבן זיך דערשראָקן, זיי האָבן זיך דערפילט אומבאַקוועם און מיט אַן אומזיכערן טאָן מיר געזאָגט: דאָס מיינט ער דיך.

היינט איז אַ באַזונדער שטרענגע שמירה אַרום דער שיף, די אָנגעלאָפענע פּאָליציסטן וועלן אַליין קאָנטראָ־לירן. די שאַנסן מיינע זענען קליינע און איך מוז אַרויס.

דוקא אין גורלדיקע מינוטן פון גרעסטער שפּאַנונג פלעגט מיך אַלע מאָל באַפאַלן אַ מאָדנע רויִקייט. איך האָב באַרויִקט מיינע ביידע באַגלייטער, אַז אויב מען וועט מיך פאַרהאַלטן, וועלן זיי דערפון נישט ליידן; אַז מען וועט דאַרפן, וועל איך שווייגן ווי אַ פיש. פאַר דעם ווי איך האָב זיך אָפּגערוקט פון זיי כדי זיי צו באַפרייען פון יעדן פאַרדאַכט, האָב איך זיי געבעטן, אַז טאָמער פאַרהאַלט מען מיך, זאָלן זיי געבן צו וויסן מיינע קרובים אין ישראל וווּ איך בין שטעקן געבליבן.

נאָך דעם ווי איך האָב זיך באַפרייט פון זייער פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט, האָב איך דערפילט אין מיר אַ מאָדנעם כוח און מיט אַ פעסטן טראָט דערטאַפּט דעם האַרטן באָדן. איך האָב אָפּגעריסן יעדע פאַרבינדונג מיט מיינע חברים, אַרויף אויפן בריקל און מיט אַ גלייכ־גילטיקן בליק פון ביטול אַריינגעקוקט דעם פּאָליציסט גלייך אין די אויגן אַריין. דער, וואָס איז געשטאַנען הינטער מיר, האָט מיך, כאילו נישט ווילנדיק, אַ שטופּ געטאָן פאַרויס און איך האָב זיך דורכגעגליטשט און אַרויף אויפן שיפל.

איך און מיינע חברים האָבן נאָך אַ לענגערע צייט צווישן זיך נישט גערעדט און זיך געמאַכט כאילו מיר קענען זיך נישט איינער דעם צווייטן. ווען דאָס שיפל איז

אָפּגעשוווּמען פון ברעג, האָב איך געוווּסט, אַז איך בין אינעווייניק.

די יידישע סאָלדאַטן האָבן געוווּנקען צו מיר פון ווייטן מיט יונגאַטשישע אויגן און זענען געווען גליקלעך מיט מיין דערפאָלג. אין מינוטן זענען מיר שוין געווען ביי דער גרויסער טראַנספּאָרט־שיף און מיט מיינע זעק אויפן אַקסל האָב איך געקלעטערט אויף דעם לאַנגן לייטער, ווי אַן אַלטער, דערפאַרענער סאָלדאַט. באַלד ווי איך בין אַרויף אויפן דעק, בין איך שוין ווידער געווען צוזאַמען מיט די יידישע סאָלדאַטן און מיינע צוויי שומרים זענען אַרויפגעפאַלן אויף מיר מיט אַזאַ שמחה, כאילו איך וואָלט געקומען פון יענער וועלט:
„דאָ האָסטו שוין נישט וואָס מורא צו האָבן — האָבן זיי געזאָגט, — נאָר גיי נישט אַליין און רייד נישט מיט פרעמדע”.

*****

דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן בין איך געפאָרן אויף אַ שיף. איך האָב נישט אויפגעהערט צו באַוווּנדערן איר גרויסקייט, די גרויסע זאַלן, די צימערן, די באַקוועמלעכקייטן און די שנעלקייט מיט וועלכער זי באַוועגט זיך. איך האָב זיך געפרייט מיט יעדער נייער זאַך, וואָס איך האָב אַנטדעקט אויף דער שיף, ווען איך האָב שפּאַצירט און ארומגעדרייט זיך פון דעק צו דעק. פינף טויזנט סאָלדאַטן האָבן זיך פאַנאַנדערגעלייגט אין

אַלע זאַלן און אין אַלע קאַיוטעס פון דער גרויסער שיף. אַ שלל פון אַלערליי אוניפאָרמס, יעדע איינהייט מיט אירע היטעלעך, רונדע און שיפעלעך, מיט פרענדזלעך און אָן פרענדזלעך, כאַקי־פאַרבן, בלויע פאַרבן און שוואַרצע. די שיף האָט אויסגעזען ווי אַ גרויסער נעסט פון מוראַשקעס. מען האָט קיין פנימער נישט געזען, נאָר איין אוניפאָרמירטע מאַסע, וואָס האָט זיך באַוועגט אָן אויפהער פון איין עק שיף צום צווייטן.

אין די ערשטע נאָך־מלחמה מאָנאַטן זענען גע־שוווּמען אין ים פרייע מינעס, וואָס האָבן באַדראָט יעדע שווימענדיקע שיף. 2 מאָל אַ טאָג האָט מען אַלאַרמירט דורך אַ סירענע און יעדער האָט געמוזט אין מינוטן זיין אויף זיין אָנגעוויזענעם דעק, זיך אויסשטעלן אין ריי, שטיל שטיין און וואַרטן ביז דער שיפס־קאָמענדאַנט האָט אויפגענומען דעם פאַראַד. נישט נאָר אַלע סאָלדאַטן, נאָר די מאַטראָסן פון שיף, דינער, קוכערס יעדער איינער האָט געהאַט זיין פלאַץ אויפן דעק. אַלע האָבן געמוזט דערשיינען מיט זייערע רעטונגס־וועסטן, שטיל שטיין און וואַרטן ביז אַ מעלדונג, אַז דער אַלאַרם איז פאַרביי.

אין די פרייע שעהן זענען מיר געזעסן אויפן דעק, זיך געוואַרעמט אין דער זון און הנאה געהאַט פון דעם ווייטן בלויען האָריזאָנט. אונדזער פאַלעסטינער איינ־הייט איז געווען איינקוואַרטירט אין אַ גרויסן זאַל. אין מיטן איז געשטאַנען אַ לאַנגער טיש און אַרום די ווענט זענען געהאָנגען האַמאַקן צום שלאָפן. אין די האַמאַקן

זענען מיר געלעגן ווי אין קינדער־בעטלעך, און ווען מען האָט זיך אין זיי אַריינגעלייגט, האָבן זיי זיך געוויגט און פֿאַרשלעפּערט.

וויפֿל איך האָב נישט שפּאַצירט איבער די דעקן, האָב איך קיין מאָל נישט געוווּסט ווו איך בין, איין עטאַזש איבערן צווייטן און איינער ענלעך צום צווייטן. הויכע טרעפּ און גרויסע זאַלן, גרויסע צימערן און קליינע צימערן, אַלץ האָט מיר אויסגעזען ווי איין גרויסער לאַבירינט און אָן מיינע חברים, די באַגלייטער, האָב איך זיך נישט גערירט פֿון אָרט.

איין אינדערפֿרי, נאָכדעם ווי מיר האָבן אָפּגעגעסן פֿרישטיק, זענען מיר אַרוים פֿון אונדזער צימער, שפּאַצירט און נאָכהער זיך אויסגעלייגט אויפֿן דעק, געשמועסט, גערויכערט און זיך געוואַרעמט אויף דער זון. מיט אַמאָל האָט די סירענע אַ געשריי געטאָן מיט אַ לאַנגן, לאַנגן פֿייַף. אין אַ מינוט האָט זיך אַ ריר געטאָן די ריזיקע מענטשן־מאַסע, ווי אַ נאַטור־סטיכיע. איין מענטשן־שטראָם האָט זיך אָנגעשטויסן אָן אַ צווייטן, איין קאָלאָנע זיך געקרייצט מיט אַ צווייטער, זיך צעלאָפֿן אין אַלערליי ריכטונגען און מיט אייליקע שריט איז יעדער איינער געלאָפֿן אין זיין ריכטונג, יעדער צו זיין דעק. מיט איין ווינק פֿון אַן אויג און איך האָב פֿאַרלאָרן מיינע שומרים. איך לויף, זוך, קוק יעדן סאָלדאַט אין פּנים אַריין און אויסער פֿרעמדע גלייכגילטיקע פּנימער האָב איך קיינעם נישט געזען. די מאַסע האָט געשטראָמט ווי אַ לאַווע־אויסברוך, פֿון

אָנפאַנג שנעלער און נאָכדעם שיטערער און לאַנגזאַמער און איך האָב פאַרלוירן דעם וועג צו מיין דעק. עס האָט מיר אַ שווינדל געטאָן פאַר די אויגן און איך האָב דערפילט ווי עס בויגן זיך מיינע קני און דער באָדן איז אַנטלאָפן פון אונטער מיינע פיס.

אין סעקונדן זענען דורכגעפלויגן דורך מיין מוח אַלע מעגלעכע געפאַרן, וואָס האָבן געלויערט אויף מיין קאָפ: אָן פאַפירן, אָן אַ שפּראַך, אַ האָז אויף אַ מיליטער־שיף און נאָך אין אָן ענגלישן אוניפאָרם. אַלע מעגלעכע שטראָפן אויף דער וועלט האָב איך דערזען פאַר מיינע אויגן. אויף דער שיף איז געוואָרן אַזוי רויִק, אַז איך האָב זיך דערשראָקן פון דער טויטער שטילקייט. יעדער איינער איז געשטאַנען אויף זיין דעק, צוזאַמען מיט זיין איינהייט. נאָר איך, דער איינציקער אויף דער גאַנצער שיף, שטיי דאָ אין מיטן, אַ פאַריאָגטער, אַ דערשראָקענער, ווייס נישט ווו איז זיין דעק און ווו זענען געבליבן זיינע חברים. איך האָב נאָך פּרובירט לויפן, זוכן און זיך נאָך מער פאַרדרייט און פאַרפּלאָנטערט אין דעם גרויסן אומבאַקאַנטן לאַבירינט. אַלץ אַרום איז געשטאַנען פאַרפראָרן אין איין טיפן שטילשטאַנד. איך לויף נאָך אַלץ, צאַפּל זיך און זוך אַ רעטונג.

מיט אַ מאָל איז געפאַלן מיין בליק אויף אַ ברייטן טאָפּלטן טרעפּ, וואָס האָט געפירט פון איין דעק צום צווייטן. אין איין סעקונדע האָב איך דערזען אין די טרעפּ די רעטונג. שנעל ווי אַ בליץ האָב איך באַשלאָסן,

אַז כ׳וועל לויפֿן אויף די טרעפּ. אַרויף און אַראָפּ. ווער עס וועט מיך זען לויפֿנדיק אַרויף, וועט מיך נישט זען ווי איך לויף אַראָפּ און בכלל, ווער עס וועט זען, עס לויפֿט אַ סאָלדאַט אויף די טרעפּ, וועט טראַכטן, אַז ער לויפֿט מסתמא דאַרף ער לויפֿן. אַ מענטש איז דאָך נישט משוגע, סתם לויפֿן אויף אַ טרעפּ. מיין אויסרעכע־נונג איז געווען וואָס מער צייט צו געווינען און וואָס לענגער זיך אויפֿהאַלטן אויף די טרעפּ; לויפֿן אַרויף און אַראָפּ און איבערלעבן דעם אַפּעל. אויפֿן רעכטן טרעפּ אַרויף, אויפֿן לינקן — אַראָפּ. ווי אַ קאַץ בין איך געלאָפֿן מיט שטילע טריט, כדי נישט צו שטערן און אויפֿוועקן די אַרומיקע תפילה־שטילקייט. יעדע מינוט האָט זיך געצויגן ווי איין לאַנגער קאָשמאַר, יעדע מינוט אַן אייביקייט. אויבן האָב איך געטראָפֿן אַ פּאָר־דעכטיקטן בליק, בין איך געלאָפֿן אַראָפּ. אונטן דערזען אַ פּאָליציסט — געלאָפֿן אַרויף. די טרעפּ האָבן גע־ברענט אונטער מיינע פֿיס. איך האָב געפֿילט ווי עס פֿלאַמען ביי מיר די באַקן פֿון שאַנדע און פֿאַרלאָרנקייט. מיין ווילדער זעלבסטשוץ־אינסטינקט האָט זיך גע־שפּילט מיט מיר, ווי מיט אַ באַל, אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ.

כדי צו געווינען נאָך אַ פּאָר מינוט, האָב איך זיך צוגעשטעלט צו אַ סאָלדאַטן־ריי, וואָס איז געשטאַנען אויבן, נאָענט צו די טרעפּ. מיט אַ מאָל אַ פֿרעמדער בליק פֿון שטוינונג, מיין רונדער בערעט האָט אויס־געזען אויסטערליש נעבן די שיפֿלעך, וואָס די אויס־

טראַליער האָבן געטראָגן אויף זייערע קעפּ. איך האָב זיך אָוועקגעריסן פון די אויסטראַליער און ווידער גע־לאָפן אַראָפּ. מיט אַ מאָל האָב איך דערזען ווי אויף די פּאַראַלעלע טרעפּ שטייגט אַרויף אַ גרופּע פון גאָר הויכע אָפיצירן. פאָרנט שפּרייזט מיט לאַנגזאַמע שריט דער קאָמענדאַנט, הינטער אים נידעריקערע ראַנגן און דער לעצטער — אַ פּאָליציסט. אַז איך בין פאַרבייגע־לאָפן פאַרביי דעם פּאָליציסט, האָט ער אַ קוק געטאָן אויף מיר און אַ ברום געטאָן אַ פּאָר אומפאַרשטענד־לעכע קלאַנגען, וועלכע זענען געווען געווענדעט צו מיר. איידער וואָס ווען, בין איך שוין ווידער געווען אונטן. אַז דער קאָמענדאַנט מיט זיין סוויטע זענען געווען אויבן, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז אויף די אונ־טערשטע דעקן האָט זיך דער אַפּעל געענדיקט. די רייען, וואָס זענען פריער געשטאַנען אָנגעצויגן און שטראַם, זענען געוואָרן לויזער און זיך פונאַנדערגע־ברעקלט. איך האָב גלייך דערשמעקט, ווי אַ דערפאַרע־נער יאַגד־הונט, אַז די סכנה איז פאַרביי. איך האָב באַלד גענומען לויפן און זוכן די קוואַרטיר פון מיין איינהייט. ווי אַ חיה, וואָס האָט זיך נאָר וואָס אַרויס־געריסן פון אַן אייזערנער שטייג, אַזוי בין איך דורכ־געלאָפן לאַנגע קאָרידאָרן און גרויסע צימערן. איך בין געלאָפן, ווי עס וואָלט מיך ווער נאָכגעיאָגט, כדי וואָס שנעלער קומען צו זיך אין מיין קאַיוטע, צווישן אייגענע.

דער ווילדער טרעפּן־געלויף, די מינוטן פון טיפס־

טער איינזאַמקייט, דער אינערלעכער ציטער און די אומגעהויערע נערוון־שפּאַנונג, האָבן אויסגעשעפּט אַלע מיינע זעלישע כוחות. ווי דורך אַ נעפּל האָב איך פּלוצים דערזען מיין סערזשאַנט און לעבן אים די אָפענע טיר פון אונדזער צימער. אויף זיין פראַגע, צי דער אַפּעל איז שוין געענדיקט, האָב איך אים שנעל אַ זאָג געטאָן: „פרעג מיך נישט", און איך בין אַריינ־געלאָפן אין קאַיוטע אַריין. צוויי סאָלדאַטן, וועלכע זענען געבליבן היטן די קוואַרטיר, זענען געשטאַנען און געוואַשן די כלים. איך האָב גלייך געכאַפּט אַ כאָפּטע טעלערס און מיט גיכע אומרויִקע באַוועגונגען אָנגעהויבן צו וואַשן און ווישן, וואַשן און ווישן, ווי איך וואָלט דורך דעם אָפּוואַשן פון זיך דעם נאַר וואָס איבערגעלעבטן קאָשמאַר. איך האָב זייער ענערגיש געווישט און געריבן מיטן האַנטוך די טעלער און לאַנגזאַם באַרויִקט דעם טיפן ציטער, וואָס האָט אַזוי וויברירט אין אַלע מיינע גלידער.

מיט אַ מאָל האָבן זיך אַריינגעשאָטן אונדזערע סאָלדאַטן פון אַפּעל. מיינע צוויי טרייע באַגלייטער זענען אַרויפגעפאַלן אויף מיר מיט גרויס שמחה. זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען ווו און ווי אַזוי איך בין אַזוי שנעל פאַרשוווּנדן. זיי האָבן זיך זייער געזאָרגט וועגן מיר און מורא געהאַט, טאָמער האָט מיך ווער פאַר־האַלטן. אַלע זעלנער האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום מיר און איך האָב זיי געמוזט דערציילן ווו איך בין געווען און וואָס עס האָט מיט מיר פּאַסירט אין די

מינוטן פון אַפּעל. צווישן זיי האָב איך זיך געפּילט ווידער געשיצט און באַפרייט און כ'האָב זיי דערציילט פון אַלע מיינע איבערלעבונגען אין משך פון איין פערטל שעה. איך האָב געשילדערט פאַר זיי מיין געלויף אויף די טרעפּ, מיין פּחד און מיין פאַרלאָרנקייט. כאָטש זיי האָבן אַלע גוט פאַרשטאַנען די טיפע יידישע טראַגעדיע, וואָס האָט זיך אַזוי בולט אָפּגעשפּיגלט אין דער טרעפּן־דראַמע, דאָך איז אויסגעבראָכן אַזאַ הילכיקער געלעכטער, אַז די זעלנער האָבן זיך געקייקלט אונטער די טישן. איך האָב זיך אויך אָנגעשטעקט פון זייער לאַכן און זיך אויך צעלאַכט אויף אַ קול.

***

די שיף האָט זיך געגליטשט אויפן רויִקן ים, אריינגעשוווּמען אין פּאָרט סאַיִד און דאָרטן אויסגעלאָדן די עגיפּטישע און די פּאַלעסטינער סאָלדאַטן. אונדזער איינהייט האָט זיך איינגעקוואַטירט אין אַ מיליטער־לאַגער נעבן איסמאַיליא. די לאַגערן אין מצרים האָבן אויסגעזען גאָר אַנדערש ווי אין אייראָפּע. פּירקאַנטיקע צעמענט־פּלאַטפאָרמעס און איבער זיי אויפגעשטעלטע געצעלטן ווי חופּות. אַרום און אַרום זאַמד, אָן אַ שיעור זאַמד. דאָ איז צוגעגאַנגען צו מיר אַן אומבאַקאַנטער אָפיציר פון דעם לאַגער, אָפּגערופן מיך אָן אַ זייט און געזאָגט, אַז דאָ איז ער דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר מיין זיכערהייט. דאָ טאָר איך מיט קיינעם נישט

ריידן, קיינעם נישט דערציילן ווער איך בין. ער האָט שוין געוווּסט, אַז איך האָב ניט קיין שום דאָקומענטן מיט זיך און איך דאַרף זוכן, אַז דאָ אין מצרים קען מען זיך אָן דאָקומענטן נישט אַרומדרייען. אין משך פון אַ פּאָר שעה האָט ער מיר באַזאָרגט אַ סאָלדאַטן־ביכל מיט אַ נאָמען פון דער הגדה, אַן אויסצאָלונגס־ביכל און אויסער דעם וואָס איך האָב נישט פאַרשטאַנען אַ וואָרט ענגליש, בין איך געווען אַ כשרער סאָלדאַט.

דער אָפיציר האָט אויף דעם פּונקט אָנגעפירט מיט דער אומלעגאַלער עליה, געוווּסט אַלץ וואָס עס טוט זיך אויף אַלע פראָנטן און ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז ביי דער ערשטער געלעגנהייט וועט ער מיך אַריינזעצן אין אַ באַן און אַוועקשיקן קיין ישראל. אויף מיין פראַגע צי ער האָט געהערט וועגן אַ שיף מיט טויזנט יתומים, וואָס האָט געזאָלט אָנקומען פון רומעניע קיין ישראל, האָט ער געענטפערט, אַז ווי ווייט עס איז אים באַוווּסט איז נאָך אַזאַ שיף נישט אָנגעקומען; אַז ער האָט געהערט פון דעם קינדער־טראַנספּאָרט, אָבער ביז איצט ווייס ער וועגן זיי גאָרנישט. דער גרוס האָט מיר אָפּגעהאַקט מיינע פליגלען.

— דו ביסט זיכער — פרעג איך אים, — וואָס הייסט די קינדער זענען נאָך נישט אָנגעקומען? שוין אַזוי לאַנג ווי זיי זענען אָפּגעשוווּמען פון רומענישן ברעג?

איך, אין זיך, האָב נישט געגלויבט; עס קען דאָך נישט זיין, אַז איך לויף און לויף צו אים, און ער איז

נאָך נישטאָ. איז ווו איז ער? דער געדאַנק, אַז איך וועל אים נישט געפינען, איז געווען פאַר מיר אַזוי אומדערטרעגלעך, אַז איך האָב אים אָפּגעטריבן פון זיך מיט געוואַלד. איך האָב נאָר געבעטן דעם אָפיציר ער זאָל מיך נישט פאַרהאַלטן און וואָס שנעלער שיקן ווייטער.

דאָס הויפט־עסן דאָ אין לאַגער איז געווען שעפּסןפלייש. איך האָב געגעסן פירפאַכע פּאָרציעס און בין קראַנק געוואָרן מיט אַ שווערער פאַרגיפטונג און הויכן פיבער. איך בין געלעגן אין מיין געצעלט, געפיבערט, זיך געדרייט אין דרייען פון ווייטאָג. איך האָב אָבער קיינעם נישט דערציילט פון מיין קראַנקייט, ווייל איך האָב געוווּסט, אַז אַ קראַנקן סאָלדאַט וועט מען נישט קענען טראַנספּאָרטירן ווייטער.

פאַר נאַכט זענען געקומען מיינע ביידע חברים און מיך גענומען צו דער באַן. גלייך ווי דער צוג האָט זיך גערירט, האָב איך דערפילט אַז עס איז מיר אַזוי שלעכט און איך גיי שטאַרבן. איך האָב אַרויסגעבויגן מיין קאָפּ דורכן פענצטער און אַלץ אויסגעבראָכן. מיינע חברים האָבן זיך שטאַרק דערשראָקן. פרעמדע זעלנער זענען געזעסן אַרום אונדז. נאָך דעם געזעץ נעמט מען אַ קראַנקן זעלנער צו אַ דאָקטאָר אין סאַניטאַר־וואַגאָן און דאָס האָבן מיינע חברים געוואָלט אויסמיידן. איך בין אַרונטערגעקראָכן אונטער דער באַנק. זיי האָבן זיך אָוועקגעזעצט און מיך פאַרשטעקט. איך בין געלעגן אונטער דער באַנק, זיך געקאָרטשעט פון ווייטאָג,

געביסן די ליפּן און געשוויגן. אַ גאַנצע נאַכט האָבן מיר זיך געטרייסלט דורך דער מדבר. אַז עס איז געקומען דער פרימאָרגן, בין איך אַרויסגעקראָכן פון אונטער דער באַנק און דערזען דורכן פענצטער גאָר אַ נייע וועלט.

פאַר מיינע אויגן זענען פאַרבייגעלאָפן גרינע פעל־דער, קליינע געלע הייזלעך מיט רויטע דעכער. „מיר זענען שוין אין ארץ־ישראל" — האָט מיר אָנגעזאָגט מיט אַ שמחה איינער פון מיינע חברים. אַנשטאָט צו שפּרינגען פון פרייד, איז מיר געוואָרן אומעטיק. אין מיין פאַנטאַזיע און אין מיינע חלומות האָט קיין ארץ־ישראל געבראַכט נאָר דער ים, אָבער קומען מיט אַ באַן און גאַרנישט זען ווו עס האָט זיך געענדיקט דער גלות און ווו עס האָט זיך אָנגעהויבן ארץ־ישראל, איז געווען פאַר מיר אַ גרויסע אַנטוישונג. איך האָב געפילט ווי איך האָב פאַרלאָרן אונטערוועגס אַ טיפע איבערלעבונג, אויף וועלכער איך האָב געוואַרט דאָס גאַנצע לעבן.

מיר האָבן פאַרלאָזן דעם צוג און זיך אַרויפגעזעצט אויף אַן אויטאָבוס, וואָס האָט אונדז געפירט קיין תל־אביב. די שלאָפלאָזע נאַכט אונטער דער באַנק, דער הויכער פיבער, וואָס האָט פאַרנעפּלט מיין באַוווסטזיין און דער געדאַנק, אַז איך וועל מיין קינד נאָך נישט געפינען, האָבן זיך אָוועקגעלייגט ווי שווערע וואָלקנס אויף מיין געמיט. מיינע צוויי טרייע באַגלייטער האָבן געוואָלט אַרויסלייענען פון מיינע אויגן גליק און

פרייד. זיי האָבן זיך געפילט כאילו באַליידיקט, וואָס איך בין אַזוי אומעטיק און גלייכגילטיק.

— דו ביסט דאָך דורך אַזאַ שווערן לאַנגן וועג, כדי צו קומען אַהער — האָבן זיי געטענהט, — איצט ביסטו דאָ, פאַר וואָס ביסטו אַזוי טרויעריק און נידער־געשלאָגן?

איך האָב זיך געפילט פאַר זיי שולדיק און אומ־באַקוועם און זיך פאַרענטפערט, אַז איך פיל זיך קראַנק, האָב הויכן פיבער, און אַז איך וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן זייער איבערגעגעבנקייט, זייער אָפּפערווילי־קייט און זייער ברידערלעכע באַציונג צו מיר. „נאָר אַ דאַנק אייך בין איך געקומען אַהער״.

דער גורל פון מיין קינד האָט מיך נישט אָפּגעלאָזן קיין איין מינוט. זיצנדיק אין אויטאָבוס האָב איך מיט אַ מאָל אָנגעהויבן צו באַגרייפן, אַז דער ים האָט מיך נאָך מער דערווייטערט פון אים. ביי דעם געדאַנק האָט מיר אַ ווייטאָג אַ קניפּ געטאָן ביים האַרצן.

איך ווייס נישט פאַר וואָס, אָבער צווישן די פרייע מענטשן, וואָס האָבן אָנגעפילט דעם אויטאָבוס, האָב איך זיך ווידער דערפילט אַ פרעמדער און אַז עמיצער פאַרפאָלגט מיך. איך האָב געוואָרפן פאַרדעכטיקע בליקן אויף מיינע שכנים, נערוועז און אומרויִק אַרומ־געקוקט אויפן וועג און אויף די הייזער, וואָס זענען געשטאַנען צעוואָרפן אויףביידע זייטן פון שאָסיי. רחובות, נס-ציונה, מקוה-ישראל, זענען געווען נעמען און באַגריפן, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיט מיין

קינדהייט און מיינע שול־יאָרן. איך האָב געוווּסט יעדעס דאָרף און געקענט זיין געשיכטע. איך האָב געקוקט דורכן פענצטער און באַגלייט מיט מיינע אויגן יעדעס הויז און יעדן בוים.

מיט אַ מאָל האָב איך דערזען אַן אויסטערליש בילד. אין איינעם פון די הייזלעך, וואָס זענען פאַרביי־געלאָפן מיין אויטאָבוס, זיצט אויף אַ באַלקאָן אַ ייד מיט זיין ווייב און טרינקט טיי. דער ייד, וואָס איז געווען אין די מיטעלע יאָרן, האָט געטראָגן אַ יאַרמעלקע און אַ קליין שפּיציק בערדל. זיין ווייב איז געווען אַ דיקע יידענע מיט אַ ברייטן הינטן און אַ רויט רונד פּנים. אויפן טיש איז געשטאַנען אַ סאַמאָוואַר און זיי ביידע האָבן זיך אָוועקגעזעצט טרינקען טיי. אַזוי זאָרגלאָז, אידיליש, צופרידן זיצן יידן ביי זיך אויף אַ באַלקאָן און טרינקען טיי. דאָס בילד האָט זיך אַזוי טיף אַריינגעשניטן אין מיין האַרצן, איך האָב זיך איינגעקאָרטשעט. מיט אַ מאָל האָב איך דערפילט דעם טיפן צייט־אָפּגרונט וואָס איז געלעגן צווישן מיר און די טיי־טרינקער אויפן באַלקאָן.

מיינע חברים האָבן מיך נישט אָפּגעלאָזן, באַגלייט ביז אין אַ קאַפע־הויז, זיך מיט מיר האַרציק געזעגנט און געזאָגט איך זאָל דאָ וואַרטן און באַלד וועט מען מיך קומען אָפּנעמען. זיי זענען אַוועק עמיצן מעלדן וועגן מיין קומען און איך האָב געוואַרט. זיצנדיק ביים רונדן טיש אין קאַפע־הויז האָב איך דערזען פאַר זיך מאָדנע באַשעפענישן. אַ מיידל, אַ קעלנערשע מיט

אַ ברייטן הינטן און מיט דיקע פיס האָט זיך אַרומ־געדרייט צווישן די טישלעך. אַ בלאָנדער, פעטער ייד איז אַריין עסן פרישטיק, זיך ברייט און באַלע־באַטיש אַוועקגעזעצט נעבן אַ טיש. אַ הויכער בחור מיט ברייטע פּלייצעס און מיט אַ רויט פריש־ראַזירט פּנים, וואָס האָט געגלאַנצט ווי אויסגעשמירט מיט פעטס, האָט געשריען אַז ער וויל קאַווע. אַלע מענטשן אין דעם קאַפע האָבן אויסגעזען אין מיינע אויגן אַזוי גראָב, פעט, אָנגעפרעסן און צופרידן. איך האָב נישט געזען קיין איין אויסגעבלאַסט פּנים, קיין איין פּאָר אויסגעלאָשענע אויגן. זיצנדיק אין קאַפע האָב איך זיך ווידער דערפילט עפעס אַ פרעמדער, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן פון אַן אַנדער פּלאַנעט.

צוויי בחורים, וואָס זענען געקומען מיך אָפּנעמען, האָבן מיך אויפגעוועקט פון מיין איינזאַמען אומעט. זיי זענען צו צו מיר מיט אַ ליכטיקן שמייכל, מיט אַ קלאַפּ איבער די פּלייצעס און מיט אַ ברייטן האַרציקן שלום. מיט אַ מאָל איז געוואָרן גוט אויפן האַרצן. זיי האָבן מיך אַריינגעפירט אין אַ צימער, פאַרגעשטעלט פאַר אַ יונגן בחור, וואָס איז געזעסן ביי אַ שרייבטיש און אַוועק. דער בחור האָט מיר געשטעלט אַ פּאָר פראַגן, געהייסן אויסטאָן מיין אוניפאָרם, אַוועקגעגעבן צוריק אַלע זעק און זעקלעך און אַלע פּאַפּירן, וואָס איך האָב באַקומען אין מצרים. ער האָט מיר דער־לאַנגט אַ פּאָר הויזן מיט אַ העמד, דערלויבט מיטנעמען מיט זיך די מיליטער־שיך און שלום.

דער וועג צוריק

איך בין אַרויס אין תל־אביבער גאַסן מיט אַ ראַזיר־מעסער, איין האַנטוך אונטערן אָרעם און אַ פּאָר פּעקלעך סיגאַרעטן אין קעשענע.